YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv05i38

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 5 Issue 38
September 1923

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 5, Iss. 38)

Keywords
International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/220

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפּה. (איוב, כ״ז, 6.)
פון מיין גערעכטיג־קייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

Vol. V. No. 38. | New York, Friday, September 21, 1923. | פרייטאַג, 21טען סעפּטעמבער, 1923 | PRICE 3 CENTS

אינטערנײשאָנאַל באַנײט דעם אָרגאַניזאַ־ציאָנס־קאַמפּיין אין פילאַדעלפיא

די וויסט און דרעססמאַכער יוניאָן מאַכט א הויז־צו־הויז קענוועס. — אַ לעבעדיגע טעטיקייט ביי די פריוואַט־דרעססמאַכער. — קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד נעמט זיך העלפען אָרגאַניזירען די לײדיס טײלאָרס. — פּרעזידענט זיגמאַן אויף אַן עקזעקוטיוו באָארד מיטינג פון לאָקאַל 15.

אין פילאַדעלפיא פאַנגט זיך ווידער אָן א אינטערנײשאָנאַל אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין, וועלכער וועט מיט א נייער פרישקייט געפיהרט ווערען אויף איינינע ליינס, צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דער לײדיס גאַרמענט אינדוסטריע, און שטעהען אַוועק פון די יוניאָנס אין זייער פאַך.

וועגען דער אַנוועזענהייט איז פּרעזידענט זיגמאַן לעצטע וואָך געווען אין פילאַדעלפיע, און האָט זיך דורכגערעדט וועגען דעם מיט די בעאַמטע און טעטיגע מיטגלידער פון די לאָקאַלס פון אונזער אינטערנעשאַנאַל אין פילאַדעלפיא.

מיטוואָך אָוונט איז ער געווען ביי א ספּעציאַל מיטינג פון עקזעקוטיוו באָארד פון די וויסט און דרעסמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 15. אויף דעם מיטינג האָט ער פאָרגעלייגט געוויסע פּלענער, ווי אַזוי עס זאָל ווידער אַמאָל אָנגעפירט ווערען א טיכטיגער אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין צווישען די וויסט און דרעסמאַכער, וואָס שטעהען נאָך אַלץ אַוועק פון דער יוניאָן. דורכ'ן לעצטען גענעראַל סטרייק אין דעם פאַך איז לאָקאַל 15 געוואָרען א שטאַרקע יוניאָן, האָבענדיג איבער צוויי טויזענט מיטגלידער, אָבער דאָס זיינען ווייט ניט אַלע אַרבייטער פון דעם טרייד. די יוניאָן וועט זיך איצט טיכטיג נעמען אַריינצוקריגען די אַנדערע אַרבייטער פון דעם פאַך וואָס זיינען נאָך אין דרויסען.

די פּלענער וואָס פּרעזידענט זיגמאַן האָט פאָרגעלייגט פאַר דעם עקזעקוטיוו באָארד זיינען איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען. שוין די וואָך פאַנגט אָן די יוניאָן דעם קאַמפּיין דורך ליפלעטס און מיטינגען. עס וועט אויך געמאַכט ווערען א הויז־צו־הויז קענוועס פון די ניט־

(שלוס אויף זייט 16.)

קלאָוקמאַכער פון לאָס אַנדזשעלעס דערקלערען א גענעראַל סטרייק

דער סטרייק איז גערופען געוואָרען דינסטאַג, 10 א זייגער אין דער פריה.

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" ווייסען, האָט דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון אונזער אינטערנײשאָנאַל באַשלאָסען צו שיקען א ספּעציעלען אָרגאַנייזער אין לאָס אַנדזשעלעס צו העלפען אוועקשטעלען אויף א געזונטען באָדען די קלאָוקמאַכער יוניאָן פון יענער שטאָדט, און וויים־פּרעזידענט סעמועל לעפקאָוויטש איז באַשטימט געוואָרען דורכצופיהרען די מיסיע. ברודער לעפקאָוויטש איז גלייך אָפּגעפאָרען און זיך גענומען טיכטיג צו דער אַרבייט. ער האָט אָפּגעהאַלטען א רייהע מיטינגען מיט די אַרבייטער און האָט אויך געהאַט איינינע קאָנפערענצען מיט די מאַנופעקטשורערס. אָבער מיט גוטען האָט מען גאָרניט געקענט אויספיהרען, עס האָט געמוזט גערופען ווערען א סטרייק.

מאָנטאַג אין דער פריה איז אָנגעקומען צו פּרעזידענט זיגמאַן די פאָלגענדע טעלעגראַמע:

„א מעמבער מאַס מיטינג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען לעצטען שבת. עס איז באַטראַכט געוואָרען די פראַגע פון רופען די קלאָוקמאַכער אין סטרייק, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען, עס זאָל איבער דער פראַגע געשטימט ווערען דורך א סעקרעט באַלאָט. דער רעזול־

(שלוס אויף זייט 7.)

לאָקאַל 90 זוכט צו באַנייען דעם אַגרימענט אויף א פרידליכען אופן

אויב דאָס וועט ניט געהן איז די יוניאָן גרייט צום קאַמף!

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", איז דעם ערשטען סעפּטעמבער אויסגעגאַנגען דער אַגרימענט צווישען די קאַסטאָם דרעס מאַכער יוניאָן לאָקאַל 90 און די באַלעבאַטים פון דעם פאַך. און דער מענעדזשער פון דער יוניאָן, ברודער י. בערנאַדסקי, האָט נאָך מיט איינינע וואָכען צוריק אַרויסגעשיקט בריף צו אַלע פירמען מיט א קאָפּיע פון א נייעם אַגרימענט, זיי זאָלען דעם אַגרימענט אונטערשרייבען. איינינע פירמען האָבען דאָס געטאָן און אַנדערע נאָך ניט, און די יוניאָן פיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט די דאָזיגע פירמען.

דעם 6טען סעפּטעמבער האָט די יוניאָן געהאַט א גוט באַזוכטען מעמבער־מיטינג, וואו די פראַגע פון באַנייען דעם אַגרימענט איז גאַנץ־גענוי באַשפּראָכען געוואָרען. אַלע זיינען געווען איינשטימיג, דאָס א סטרייק זאָל גערופען ווערען ביי יעדער פירמע וואָס וועט זיך אָפּזאָגען צו באַנייען דעם אַגרימענט מיט דער יוניאָן. די מיטגלידער האָבען זיך אויך פאַרפליכטעט, דאָס אויב עס זאָל זיין נויטיג, זאָל אַרויסגעלעגט ווערען א טעקס אויף דער מיטגלידערשאַפט, צו שאַפען א פאָנד, כּדי די אַרבייט פון דער יוניאָן זאָל קענען געטאָן ווערען מיט מעהר ערפאָלג.

לײדיס טײלאָרס יוניאָן לאָקאַל 38 פאַנגט אָן ענערגישען אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין

אינטערנעשאַנאַל שטעלט אָן א ספּעציעלען אָרגאַנייזער צו העלפען דעם לאָקאַל אָנפיהרען דעם קאַמפּיין. — די יוניאָן רופט א מאַס־מיטינג דאָנערשטאַג, דעם 27טען סעפּטעמבער, אין ברייענט האָל. — דער מיטינג וועט אַדרעסירט ווערען פון סעקרעטער באַראָף, וויים־פּרעזידענט י. פיינבערג, און די אינטערנעשאַנאַל אָרגאַנייזערס, אַרטוראָ דזשיאָוואַניטי און דזש. גאָלדשטיין.

דער פאַך פון די לײדיס טײלאָרס און טעאַטריקאַל קאָסטיום מאַכער אין ניו יאָרק איז נאָך ווייט ניט אַזוי גוט אָרגאַניזירט ווי ס'באַדאַרף צו זיין, אַז די אַרבייטער, וואָס זיינען באַשעפטיגט ביי דעם פאַך, זאָלען קענען האָבען די אַרבייטס־באַדינגונגען צו וועלכע זיי זיינען באַרעכטיגט. און פון דעם, פאַרשטעהט זיך, ליידען אויך די יוניאָן־לייט, די מעהר באַוואוסטזיניגע אַרבייטער פון דעם פאַך, וואָס שטעלען צוזאַמען דעם לאָקאַל 38. די יוניאָן האָט, אַלזאָ, באַשלאָסען אָנצופאַנגען אַן ענערגישען אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין צווישען די אַרבייטער פון דעם פאַך, און אונזער אינטערנעשאַנאַל וועט איהר מיטהעלפען מיט אַלץ וואָס וועט זיין נויטיג.

און דאָס ווערט שוין געטאָן. די וואָך האָט אונזער אינטערנעשאַנאַל אָנגעשטעלט א ספּעציעלען אָרגאַנייזער פאַר דער אַרבייט, איינעם וואָס איז גוט באַקאַנט צווישען די לײדיס טײלאָרס. דאָס איז ברודער דזשיי. גאָלדשטיין, וועלכער איז שוין אַמאָל געווען אָרגאַנייזער ביי די לײדיס טײלאָרס, נאָך מיט יאָהרען צוריק, דעמאָלט ווען די לײדיס טײלאָרס יוניאָן האָט געהאַט דעם זעלבען נומער, לאָקאַל 38. די לײדיס טײלאָרס קענען

(שלוס אויף זייט 14.)

דאָס שטודירען אין די יוניטי סענטערס שוין אָנגעפאַנגען.

דאָס שטודירען אין די אינטערנעשאַנאַל יוניטי סענטערס האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען אין די פּאַבליק סקולס וואָס ווערט אָנגעגעבען אויף זייט 4 פון דער צייטונג. א חוץ די אַנדערע סאַבדזשעקטס וואָס דאָרט ווערט געלערנט, איז אין יעדער יוניטי סענטער אויך דאָ א קלאַס פאַר ענגליש, פאַר אָנפאַנגער און אַדוואַנסד.

אין די קלאַסען איז נאָך דאָ פּלאַץ פאַר נאָך סטודענטען און זאָלען די מיטגלידער פון אונזער לאָקאַלס זיך באַנוצען מיט דער געלעגענהייט. מען קען זיך רעדזשיסטרירען אין די אָפיסעס פון אַלע לאָקאַל יוניאָנס און אין אָפיס פון עדיוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט, — 3 וועסט 16טע סטריט.

אונזער דעלעגאַציע צו דער קאָנווענשאָן פון אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר

די דעלעגאַציע וועט פאַרברייננגען איינינע גאַנץ וויכטיגע רעזאָלוציעס.

דעם פרייטאָג נאָכמיטאָג פאָהרט אָפּ די דעלעגאַציע פון אונזער אינטערנעשאַנאַל צו דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. די קאָנווענשאָן וועט אָפּגעהאַלטען ווערען אין פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן סטייט, וואָס איז א גאַנץ ווייטער מהלך פון ניו יאָרק. די דעלעגאַציע וועט פאָהרען דורך שיקאַגאָ, גרענד קאַניאָן, לאָס אַנדזשעלעס און סאַן־פראַנציסקאָ.

אונזער דעלעגאַציע באַשטעהט פון די פאָלגענדע פּערזאָנען: פּרעזידענט מאָריס זיגמאַן, ברודער פינקאָווסקי, דער טשערמאַן פון דעם קלאָוק און דרעססמאַכער דזשוינט באָארד און ברודער לאַנגער, דער סעקרעטער פון דער זעלבער אָרגאַניזאַציע. ברודער מאַקס אַמדור, דער מענעדזשער פון די פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ברודער הערי גרינבערג, דער מענעדזשער פון דעם נייעם פאַראייניגטען לאָקאַל 91 און ברודער לואידזשי אַנטאָניני, דער מענעדזשער פון דעם אי־

(שלוס אויף זייט 14.)

אינהאַלט־פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 38

זייט 2. די וואָך — מאַקס ד. דעניש. די קלאָוק באָטאָן מאַכער יוניאָן לאָקאַל 132 — ה. דובינסקי.
זייט 3. אין דער ריפּערמאַכער יוניאָן לאָקאַל 17 — דזש. העקער.
זייט 4. עדיוקיישאַנאַל נאָטיצען. עקזעקוטיוו באָארד מיטינג לאָקאַל 22 — י. שעהנהאָלץ.
זייט 5. מיטינג פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוק און דרעססמאַכער יוניאָן — ל. לאַנגער.
זייט 6. טרייד און אָרגאַניזאַציאָנס פראַגען.
זייט 7. וויכטיגע פאָסירונגען אין דער סעמפּעל מאַכער יוניאָן לאָקאַל 3 — ד. דובין. א שוואַכקייט (הומאָרעסקע) — ז. וואהלער.
זייט 8. פון רעדאַקטאָר'ס נאָטיץ־ביכעל.
זייט 9. די „טרייד יוניאָן עדיוקיישאַנאַל ליג" פון באָקספּעפּ ווערען! — אב. באַראָף. תשרי־לידער אל. גוריה.
זייט 10. אין טעאַטער — דער קריטיקער. קורץ און שאַרף — י. ב. ג.
זייט 11. די רעאַקציע און די אויסניכטערונג — א. זעלדין. דער ייִדישער אומגליק (פעליעטאָן) דער לעבעדיגער.
זייט 12. קורצע שמועסן.
זייט 13, 14 און 15 — אַדווערטייזמענטס און שלוסען.
זייט 16. שלוסען פון זייט 1.

קלאָוק מאַנופעקטשורער פון מאָנטרעאַל ווילען אַנשרעקען די אַרבייטער

די אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט, וואָס אונזער אינטערנײשאָנאַל פיהרט אָן אין קענעדע, געהט צו גאַנץ שווערלאָך. באַזונדערס איז עס דער פאַל אין מאָנטרעאַל. אָבער עס זעהט זיך דאָך פּראָגרעס אין דער אַרבייט.

די לאַגע פון די קלאָוקמאַכער אין מאָנטרעאַל איז א גאַנץ שלעכטע. די באָסעס באַנוצען זיך מיט דעם וואָס די אַרבייטער זיינען ניט גוט אָרגאַניזירט, וואָס זיי שטעהען אַוועק פון דער יוניאָן און מען שינדט די הויט פון זיי אויף וואָס די וועלט שטעהט. די יוניאָן וועקט און רופט די אַרבייטער זיך אָנצושליסען צו דער יוניאָן, און מיט פאַראייניגטע כּחות זיך פאַרבעסערען די לאַגע, אָבער די באַלעבאַטים טוען אַלץ וואָס זיי קאָנען זיי צו טעראָריזירען, זיי אָנצושרעקען, זיי זאָלען זיך ניט אָנשליסען צו דער יוניאָן. זיי ווענדען אָן כּל המיני סטראַשונקעס אָפּצוהאַלטען די אַרבייטער פון אָנשליסען זיך צו דער יוניאָן. די באַלעבאַטים זאָגען גאַנץ אָפען אַז די [illegible] זייערע [illegible]

איר קענט אויך שיקן דורך [illegible] אמעריקען עקספרעס [illegible]

צוויי מיליאן אידען אין דער שטאדט ניו יארק

וויפיל פון זיי דענקען וועגען זייער צוקונפט
וועגען זייערע קינדער
וועגען זייער משפחה אין יוראפ

?

וויפיל פון זיי זיינען בירגער פון דיזען לאנד?

דער ארבייטער וואס איז א סיטיזען האט פילע רעכטען.
ער איז ניט קיין „אויטסיידער",
ער איז ניט קיין „פרעמדער",
ער איז א שותף אין די אנגעלעגענהייטען פון לאנד,
זיינע קינדער קאנען באקומען גוטע רעגירונגס שטעלען,
זיינע קרובים קאנען לייכט אריינקומען אין אמעריקא,
און ער קאן שטימען אין עלעקשאן טאג צו מאכען דאס לאנד
דעמאקראטיש אין נאמען און אין פאקט.

די נאטשוראליזיישאן אייד ליג

אין „פארווערטס" בילדינג 175 איסט בראדוויי

וועט אייך אין גאנצען פריי ארויסנעמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס.

דער אפיס איז אפען אין דער פריה, ביי טאג און אין אווענט.

פאנגט גלייך אן צו ווערען א סיטיזען

דיזער אדווערטייזמענט איז באצאהלט געווארען פון לעאן א. מאלקיעל.

אין דער ריפער מאכערס יוניאן לאקאל 17

אין א פאריגען נומער „גערעכטיג-קייט“ איז ערשינען א בריף פון אונזערען א מעמבער מיט'ן נאמען ראפאעל. דיזער ברודער האט קריטיקירט דעם צייט-קאנטראקט, וואס די ארבייטער פון רייזמאן, ראטהמאן און ביוועד האבען מיט זייער פירמע. לויט זיין פארשטאנד קומט אויס, אז די ארבייטער פון דעם שאפ האבען געקראגען דעם צייט-קאנטראקט אלס כאבאר פאר דער ערלויבניש, וואס זיי גיבען איהם ארויסצושיקען ארבייט אין ניט-יוניאן שעפער. דער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט“ האט געפונען פאר פאסיג צו דרוקען דעם בריף אונטער'ן קעפעל: „א גערעכטע טענה, נאר מען מוז הערען דעם צווייטען צד“. ווער דער צווייטער צד איז, איז, נאטירליך, ניט זעהר קלאר פון דעם אינהאלט פון דעם בריף, ווייל דער שרייבער האט דאס ניט ארויסגעבראכט. אז מען ווייל קען מען זאגען, אז ער מיינט עס בלויז די ארבייטער פון רייזמאן, ראטהמאן און ביוועד; אז מען ווייל קען מען רעכענען, אז ער מיינט עס די יוניאן; און אז מען זאל גאר גוט וועלען, קען מען גלויבען אז דער צ ו ו י י ט ע ר צ ד איז דער ש ר י י ב ע ר פון דעם בריף אליין. ווארים ווער איז די יוניאן, אויב ניט יעדער מיטגליד פון דער יוניאן?

נאר פונדעסטוועגען וועלען מיר פארזוכען צו רעדען וועגען דעם אינהאלט פון דעם בריף אין נאמען פון ד ע ר י ו נ י א ן צוליב אט וואס: ווי מיר ווייסען, זיינען די ארבייטער פון רייזמאן, ראטהמאן און ביוועד זיכער ניט שולדיג אין קיין פארברעכען. ווייל דעם „פארברעכען“, וואס ברודער ראפאעל האט אויפגעדעקט אויף זיי, איז צו זיי געקומען פון דער יוניאן, און מיר זיינען זיכער, אז ביז היינט נאך ווייסען זיי געבאך ניט, אז זיי זיינען ניט קיין גוטע יוניאן-לייט. זיינען דעריבער די ארבייטער פון דעם דערמאנטען שאפ ניט מחויב צו ענטפערען. דער שרייבער פון דעם בריף, ווידער, האט זיכער זיך אליין ניט געמיינט צו פארקלאגען. ווארים מיר ווייסען לויט דער דעם באגריף פון פילע יוניאן-לייט. זיי זעהען זיך ניט אלס א טייל פון דער יוניאן, זיי גלויבען אז ז י י און די י ו נ י א ן זיינען צוויי באזונדערע וועלטען, וועלכע האבען איינע מיט די צווייטע א גאנץ קנאפען שייכות. בלייבט דעריבער איבער די ארימע יוניאן זיצען איינע אליין אויף דער אנקלאגע-באנק, וועמען עס וועט אויסקומען זיך צו „פארטיידיגען“ פאר די מעמבערס.

האבענדיג זיך, אלזא, ערקלערט אלס דער „צווייטער צד“, צו וועמען דער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט“ איז געווען אזוי העפליך צו געבען די ערלויבניש צו ענטפערען, וועלען מיר צוגעהן צו די טענות, וועלכע מיר האבען אין זינען אויסצושפרעכען וועגען דעם גאנצען ענין.

ערשטענס, שטימען מיר ניט איין אז ברודער ראפאעל'ס טענה איז א „גערעכטע“, ווי דער רעדאקטאר האט זי באצייכענט, איינפאך דערפאר, וואס מיר האבען פאר די לעצטע עטליכע יאהר ראפאעל'ן ניט געזעהן צו א מיטינג און ניט געהערט א ווארט פון איהם וועגען דער פראגע, וואס ער האט געזוכט צו באריהרען אין זיין בריף. מיר גלויבען, אז א מאן וואס איז געגען א געוויסער מעטאדע, דארף קומען צום מיטינג און ארויסברייגגען זיינע געדאנקען און ריידען געגען דעם. פיליכט וואלט ער דאן געקאנט איבערציינגען אלע מיטגלידער, אז די יוניאן זאל מעהר ניט אונטערשרייבען קיין צייט-קאנטראקטען, און דאן וואלט ער געהאט פארשפארט צו שרייבען „פראשעניעס“ אין די צייטונגען (ער וואלט אויך פארהיט מענשען פון זינדיגען). ווידער אמאל, וואלטען זיינע ארגומענטען ניט געווען איבערציינגענד צו דער מאיאריטעט, דאן וואלט ער קיין מאראלע רעכט ניט געהאט אנצורופען גוטע יוניאן-לייט, וועלכע האבען מיט זייער שטימען און בלוט דורכגעפיהרט דעם באשלוס פון דער יוניאן, אלס כאבארניקעס. נאך אלעמען איז דאך נאך אמעריקא ניט הפקר, און די יוניאן עקזיסטירט ניט צו געבען א ברודער א געלעגענהייט צו שאפען שארפע מליצה אויף דעם רעכענונג פון אנדערע מיטגלידער. עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די יוניאן איז ניט קיין קארעספאנדענץ שולע וואו מען קען געבען לעסאנס צו מעמבערס דורך בריף. אלע פאליסיס פון דער יוניאן ווערען אויסגעארבייט ביי די מיטינגען, און א מאן וואס קומט ניט צו קיין מיטינגען, באטייליגט זיך ניט אין קיינע פראגען, קען זיך ניט פלוצלונג אויפכאפען פון שלאף און קריגען דעם „ווארט“ אין א צייטונג. זאגען מיר קודם כל, אז די טענה איז ניט קיין גערעכטע, ווייל ברודער ראפאעל האט ניט געהאנדעלט ברודערמעסיג און פארקלאגען א שאפ ארבייטער אין דער צייט, וואס ער האט די פראגע קיינמאל ניט פארגעבראכט פאר א מיטינג.

יעצט פארדריסט אונז אביסעל אויף ברודער יאנאווסקי'ן אליין. מיר פארשטעהען ווירקליך ניט זיין גוטמוטיגקייט צו דיזען ברודער. קען ווירקליך יעדער איינער שרייבען אין דער „גערעכטיגקייט“ וואס ער וויל? קען יעדער איינער אנקלאגען א גאנצען שאפ אין דער צייטונג בלויז דערפאר, וואס דער שאפ וועט נאכהער האבען די ערלויבניש צו ענטפערען? מיר גלויבען אז ניט. מיר מיזען וויסען דעם אונטערשייד פון א צייטונג ביז א יוניאן מיטינג. ביי א יוניאן-מיטינג ווערט די פראגע גלייך געשליכטעט. די מאיאריטעט באשליסט, און דער באשלוס איז דער צייכען ווער עס האט רעכט. אין א צייטונג איז אבער די געשיכטע גאנץ אנדערש. דער וואס לעזט די אנקלאגע קען גאר אמאל ניט לעזען די פארטיידיגונג, און פאלגליך בלייבען די אנגעקלאגטע אלס אמת'ע פארברעכער אין די אויגען פון די טויזענדע, וועלכע האבען די פארטיידיגונג ניט געלעזען.

ווידער שטעהט גאר ערגעץ ניט געשריבען, אז די אנגעקלאגטע מוזען קענען זיין שרייבער און אפדרוקען זייער ענטפער אין א צייטונג. ווידער ניט אלע מאל קען דער אנגעקלאגטער לעזען די קלאגע אויף איהם. איינער קען זיין דער בעסטער יוניאן-מאן און גראדע פארפעהלען אמאל צו לעזען די „גערעכטיגקייט“. אזוי קאן אויסקומען, אז איינער זאל פאראורטיילט ווערען אלס כאבארניק אין דער „גערעכטיגקייט“ און זאל זיך ארומגעהן אומשולדיג פונקט ווי ניט איהם מיינט מען, ווארים צופעליג האט ער ניט געלעזען די בריוועלאך וואס זיינען געדרוקט געווארען וועגען איהם. ארום און ארום גלויבען מיר ניט, אז די „גערעכטיגקייט“ איז דער פלאץ, וואו עס זאלען געמאכט ווערען ספעציפישע קלאגען. פאר אזעלכע זאכען איז דא איין פלאץ, — דער מיטינג פון דער יוניאן, און ניט קיין אנדער פלאץ.

האבען מיר שוין ארונטערגערעדט א פאר זאכען פון הארצען. יעצט וועגען דעם געדאנק וואס ברודער ראפאעל האט אויסגעדריקט אין זיין בריף. ווען מען זאל אוועקווארפען אלע פראזען פון בריף, וועלכע זיינען אין גאנצען ניט געווען פאסיג, קען מען זיין קריווע איבערגעבען אין א פאר ווערטער. ער איז געגען טיים-אגרימענטס, ווייל לויט זיין מיינונג, שוואכען די טיים-אגרימענטס אפ די טעטיגקייט פון די ארבייטער פון די שעפער צו זוכען די ניט-יוניאן שעפער פון זייערע באסעס. אויף דעם וועלען מיר ענטפערען פאלגענדעס:

א יוניאן קען ניט האנדלען לויט דער מיינונג פון אן איינצעלנעם, אדער איינצעלנע. גראד איז אונזער יוניאן י ע פאר טיים-אגרימענטס. קענען מיר זיך עטוואס העלפען? אי וואס זיין באס, דער סאב-מאנופעקטשורער פון רייזמאן, ראטהמאן און ביוועד האט געוואלט א פאר סענט מעהר, איז דאס אויך ניט געפעהרליך. ווארים ער זעהט דאך, אז די געשיכטע האט זיך געענדיגט צום גוטען פון אלע ארבייטער.

פארוואס איז אונזער לאקאל פאר טיים-אגרימענטס? איינפאך דערפאר, וואס די ערפאהרונג האט אונז געצייגט, אז ווען ניט די טיים-אגרימענטס וואלטען מיר שוין היינט גאר קיין שעפער ניט געהאט. מיר וואלטען געהאט „דזשאבבערס“ און דאס אלעס.

מיר ווייסען פון ערפאהרונג, וואס עס האט פאסירט מיט טויזענדע און טויזענדע ארבייטער, וועלכע זיינען י ע נאכגעלאפען נאך די עקספרעסען זוכענדיג זייערע באנדלאך. זיי זיינען אזוי לאנג געלאפען ביז זיי האבען געמוזט מיד ווערען און איינציגווייז פארלאזען די שעפער. און דער רעזולטאט איז געווען, אז די באסעס, וועלכע זיינען ניט פארצאמט געווארען מיט א צייט-קאנטראקט, זיינען געווארען דזשאבבערס, וועלכע זיינען אינגאנצען אהן דער מינדעסטער פאראנטווארטליכקייט צו דער יוניאן.

די פירמע רייזמאן, ראטהמאן און ביוועד באשעפטיגט צוליב דעם צייט-אגרימענט ביי 150 ארבייטער אין דעם הויפט-שאפ, וועלכע זיינען גאראנטירט מיט 48 וואכען ארבייט, און פאר די לעצטע פיר יאהר ארבייטען זיי טאקע אזוי. די זעלבע פירמע האט ארום 200 מאשינען, אויף וועלכע עס ארבייטען יוניאן-לייטע אין יוניאן-שעפער און מאכען א לעבען דא אין ניו יארק. פארגלייכענדיג דעם קאנטראל, וועלכען די יוניאן האט אויף דיזער פירמע, מיט דעם קאנטראל וועלכע די יוניאן קאן אויסאיבען אויף דעם בעסטען „דזשאבער“, ווילען מיר זאגען, אז דער פארגלייך קען זיין ווי פון טאג ביז נאכט. הלוואי וואלטען היינט אזוי א הונדערט „דזשאבבערס“ זיך געווענדעט צו דער יוניאן צו עפענען שעפער אויף די זעלבע באדינגונגען ווי רייזמאן האט זיין שאפ. איהר וואלט זעהן וואס פאר א שמחה עס וואלט זיך אפגעשפילט אין ניו יארק. מיר וואלטען זיי נאך ארונטערגעלאזען א פרעצענט. וואס זאגט איהר?

די ארבייטער פון רייזמאן, ראטהמאן און ביוועד האבען פאר יאהרען און יאהרען אנגעפיהרט א קאמף געגען דער ארויסשיקונג פון ארבייט. די קעמפע, וועלכע זיי האבען אנגעפיהרט, זיינען געווען זעהר קאסטבארע פאר זיי. זעלטען ווען זיי האבען געמאכט מעהר ווי א פאר וואכען א סעזאן. פון יעדען סעטעלמענט, וואס זיי האבען געמאכט מיט דער פירמע, איז פאר זיי גאר ניט געבליבען. זיי פלעגען אפארבייטען א צוויי וואכען און ווייטער פלעגט פאר זיי ערשיינען די זעלבע פראגע — ניטא קיין ארבייט. פון א שאפ פון ארום 150 מאשינען האט זיך אפגעשטעלט 60. און ווען זיי וואלטען איין מאל פאר אלע מאל זיך ניט געהאט איינגעשפארט, אז דער איינציגער זיכערער סעטעלמענט איז א צייט-קאנטראקט, וואלטען זיי שוין היינט אינגאנצען געהאט פארגעסען, אז עס איז געווען אמאל א שאפ ווי רייזמאנ'ס. פרעגען מיר אייך: ווער וואלט דערפון פראפיטירט?...

דער אמת איז דער, אז די אלע קריטיקער פון צייט-קאנטראקטען זיינען ניט געגען דעם. פארקערט, זיי גלייכען עס און גלויבען אין דער ווירקזאמקייט פון דיזען מיטעל. נאר וואס, — זיי וואלטען עס אויך געוואלט האבען. ברויכען זיי אבער דעם שלעכטען מיטעל. אנשטאט רעדען פאר דעם, אז די יוניאן זאל זעהן אז אלע זאלען עס קריגען, זוכען זיי אוים נארישע קריטיק געגען די וואס האבען עס יע. דאס הייסט ניט פארגינען יענעם דאס לעבען.

ניין, א יוניאן קאן זיך ניט פירען לויט דעם קאפריז פון איינצעלנע. די יוניאן זעהט קריגען אלעס, וואס עס איז מעגליך, זעהר אפט זיינען די געווינסען דירעקטע פאר אלעמען, און מאנכעס מאל זיינען איינצעלנע די פיאנירען. וואך-ארבייט איז אויך איינגעפיהרט געווארען שטופענווייז. מיר גלייבען, אז די סיסטעם פון גאראנטירטער ארבייטס-צייט וועט אויך קומען אויף דעם זעלבען וועג.

ווען די יוניאן וואלט נאכגעפאלגט דעם וועג פון ברודער ראפאעל, וואלט עס ניט געמיינט מעהר ארבייט פאר די יוניאן סאב מאנופעקטשורערס, נאר עס וואלט געמיינט מעהר ארבייט פאר ברוקלין. פאר יעדער ניט-יוניאן מאשין פון רייזמאנ'ס קאנטראקטארס, האט ראטשטיין און נעלסאן 20. דאס איז די פראקטישע זייט פון דער פראגע. אזא זאך איז אבער אונזער לאקאל נאך ניט פארטיג צו טאן.

יעס, ברודער אדער ברידער, זייט ניט פון די ניט-פארגינער.

דזש. העלדער, סעק.

ווייסט איהר, אז

אין אמעריקא געפינען זיך איצט איבער 3.600,000 אידען, און אז פילע האבען א סך מיטגעהאלפען צו מאכען רייכער און גרעסער די אמעריקאנער אינדוסטרי? ווייסט איהר אז סמוקערס וואס פארשטעהען און זיינען מבינים אויף גוטען טאבאק גלייכען נאר צו סמוקען סוראר טערקיש סיגארעטס, וואס קומען געפאקט אין קארדבארד באקסעס, און גלייכען ניט די סיגארעטס פון פראסטען טאבאק וואס קומען אין באנדעלס?

סוכת דוד הנופלת

די אידישע סוכה — די אלטע היים אין יוראפ, איז צובראכען און רואינירט. העלפט ווידער אויפצובויען די אלטע היים — העלפט אייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, העלפט אייערע טייערע און ליעבע.

שיקט זיי געלט

— דורך דער —

אמעריקאן עקספרעס קאמפאני

דאלארס ווערען איבערגעשיקט נאך
פוילען, גאליציע, סאוועטען-רוסלאנד, אוקראינא, דייטשלאנד, עסטרייך, אונגארן

און אנדערע לענדער

מיט דער גרעסטער זיכערהייט און אין דער שנעלסטער צייט וואס איז נאר מעגליך.

גייט אריין אין איינעם פון די אפיסעס פון די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני אין אייער שטאט אדער אין איינעם פון די אפיסעס, וואס מיר צייגען דא אן. אדער שרייבט פאר אויסקונפטען צום רעזידענט מענעדזשער פון אירגענד וועלכן אפיס.

AMERICAN EXPRESS COMPANY

65 Broadway, New York City

17 וו. 23טע סטריט — קארנער פינפטע עוועניו

2 איסט בראדוויי — קארנער טשעטהאם סקווער.

22 וועסט 15טע סט. — 118 וועסט 39טע סט. — 1251—3טע עוועניו

1 וועסט 125טע סט. — מארים פארק און 180טע סט. — 2131 בראדוויי

3טע עוו. און 41טע סט., ברוקלין, נ. י. — 876 בראד סט., נוארק, נ. דזש.

כמעט אין יעדן געגנט, כמעט אין יעדע שטאט און שטעטל, וואו עס איז נאר דא א רעילוויי סטיישאן, דארט איז אויך פארהאן אן אמעריקאן רעילוויי עקספרעס אפיס. דורך יעדן פון דיזע אפיסעס, מער ווי 30,000 אין צאל, קאנט איר שיקן געלט נאך דער אלטער היים דורך די אמעריקען עקספרעס קאמפאני.

איר קענט אויך שיקן דורך אן אויטאריזירטן סוב-איידזשענט, וואס הענגט ארויס אן אמעריקען עקספרעס סיין, זעט אז איר זאלט קריגן אן אמעריקען עקספרעס רעסיט.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש

שנאפס אין די פלאטע.

די אנהענגער פון א גרויסער, שטאר-קער פלאטע האבען היינטיגע וואך באקומען א קלאפ פון אטורני דזשענעראל הערי דאהערטי, וועלכער איז דאך גע-ווים גאנץ פריינדליך צו זיי.

עס איז פאלגענדערמאסען געקומען אויף פאלגענדען אופן. די אנטי-סאלון ליג פאדערט שוין א לאנגע צייט, אז דער אמעריקאנער פלאטע זאל איבערגעגעבען ווערען דער „דזשאב" אפצושטעלען דעם לעבהאפטען שנאפס-פארקעהר, וואס געהט אן צווי-שען אמעריקאנער שנאפס-הענדלער און אייראפעאישע און וועסט אינדישע שנאפס-ברייזער. איבערהויפט זאל די פלאטע פאטרולירען דעם אטלאנטישען ברעג, כדי צו פארכאפען אלע שנאפס-שיפען, וואס קומען כלומר'שט בגנבה אריין טאג-טעגליך אין די פארשיידענע אמעריקאנער האפענס. נאטירליך נעמט זיך קיינער פון דעם אלגעמיינעם עולם דערפון ניט שטארק צום הארצען. נאר די אנטי-סאלון ליג האט אויפגעהויבען אזא ליארעם, אז דער אטורני דזשע-נעראל האט לעצטע וואך ארויסגעגעבען זיין מיינונג וועגען דער פראגע. נו, האט דער אטורני דזשענעראל ארויסגע-זאגט, אז לויט זיין מיינונג טאר מען, לויט דער קאנסטיטושאן, זיך ניט באנו-צען מיט דער פלאטע אויף דורכצופיה-רען דעם פראהיבישאן-געזעץ. דאס וואלט מען אפשר געמעגט טאן אין פאל פון אן אויסערגעוועהנליכער נויט. אבער אזא נויט עקזיסטירט ניט, לויט דער מיינונג פון אטורני דזשענעראל, סיידען די ציווילע רעגירונגס-דעפארטמענטס זאלען אפען ערקלעהרען אז זיי קענען ניט דורכפיהרען דעם פראהיבישאן געזעץ.

עס איז דא א געוויסער הומאר אין דאהערטי'ס ערקלעהרונג. ווארים אט האט דאך טאקע מיט עטליכע טעג צוריק סענאטאר וואדסווארטה פון ניו יארק ערקלעהרט, אז דאס לאנד שווימט פשוט אין שנאפס; אז דער וואלסטעד-געזעץ ווערט איגנארירט אין יעדען דערפעל און שטעדטעל; אז ער ברענגט אריין קארופציע אין דעם מאראלען לעבען פון דער נאציאן, און אז די ציווילע באאמטע זיינען בשום אופן ניט ביכולת זיך צו ספראווען מיט דעם שנאפס-פראבלעם. עס איז שווער צו פארשטעהן פארוואס אזא פערעלטערטע זאך ווי די קאנסטיטושאן זאל שטעהן אימיצען אין וועג. צו וואס דארף מען די פלאטע, אויב מען זאל זי ניט קענען באנוצען אפצושטעלען דעם שנאפס-פארקעהר ביי די אמעריקאנער ברעגען, און אויב זי קען אפילו דאס נישט טאן, וואס-זשע-רען קען זי טאן אין פרידענס-צייט?

אויב דאס זאל טאקע ווירקליך זיין אזוי ווי אטורני דזשענעראל דאהערטי באהויפטעט, איז דער פלאטע'ס ניצליכ-קייט נול אין פארגלייך מיט דער ארמעע. די געשיכטע פון לאנד איז פול מיט גלענצענדע בלעטער, ווען די ארמעע איז באנוצט געווארען צו אונטערדריקען סטרייקס, אינדוסטריעלע אונרוהען און עהנליכע זאכען. אבער אזוי ווי מען קען ניט באטרייבען קיין סטריט-קארס פון א קרייצער, דאכט זיך אונז אז דאס סאמע מינדעסטע וואס מען קען טאן מיט דער פלאטע איז זי איבערגעבען צו דער וואלסטעד-חברה צו טאן זייער ארבייט אין פרידענס-צייט.

נאך קארפו קומט פיום

איידער מוסאליני'ס שעהנע האנדלונג אין קארפו איז נאך ארונטערגעשלונגען פון די ערשטע זייטען פון דער פרעסע, האט זיך שוין דער איטאליענישער דיק-טאטאר גענומען פאר דער ארבייט צו פארקאכען א נייע קאשע אין פיום און אויפצובלאזען א נייעם פלאם, וואס קען פיהרען צו מלחמה צווישען איטאליען און יוגאסלאוויע.

ווידער איז פיום, — די קליינע אי-טאליענישע שטאדט אויפ'ן אדריאטישען ים, וואס איהר באפעלקערונג איז כמעט אן אויסשליסליך סלאווישע, — דער שטורם-צענטער. לויט דעם אפמאך צווישען איטאליע און יוגאסלאוויע איז פיום אנערקענט געווארען אלס אומאבהענגיגער שטאאט מיט אן אייגענער רעגירונג. א געוויסע צייט איז אלץ געגאנגען כשורה, און עס האט אויסגעוויזען אז אי די איטאליענער אי די יוגא-סלאווען זיינען צופרידען. דער אפעטיט פון די פאשיסטען אבער האט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט דעם פארזוך צו פארשלינגען קארפו. זיי האבען ווידער אויפגעהויבען א געשריי ביז'ן הימעל, אז „פיום פארקערפערט מיט זיך איטאליענישע אידעאלען" און מוז ווע-רען א טייל פון איטאליען.

מיט אמאל איז היינטיגע וואך אנ-געקומען די נייעס, אז די רעגירונג פון פיום האט רעזיגנירט און דאס די לא-קאלע פארוואלטונג איז איבערגענומען געווארען פון אן איטאליענישען מיליטע-רישען גיבערנאטאר. עס פארשטעהט זיך, אז דאס איבעריגע וועט שוין גיך פאלגען איינס נאך דאס אנדערע, און דאן . . . דאן וועט קומען דער שטורם, דער צוזאמענשטויס מיט יוגא-סלאוויע, וועלכע וועט מסתמא ניט בלייבען זיצען רוהיג און צוזעהן ווי מוסאליני פאר-וואנדעלט דעם אדריאטישען ים אין „אן איטאליענישער אזערע".

פון דעסטוועגען איז אויך פאראן א ליכטיגע זייט אין מוסאליני'ס חוצפה-דיגע אולטימאטומס, וואס ער שיקט צו איטאליען'ס שכנים און וואס קען פיה-רען צו מלחמה. מוסאליני איז נערוועז, און ער ווייזט עס קלאר ארויס. טראץ זיינע דעספאטישע מעטאדען אין איטא-ליען, וואקסט דארטען אויס געגען איהם א מעכטיגע אפאזיציע, וועלכע ווערט אלץ שטארקער און שטארקער און וועלכע ווערט געשטיצט פון א טייל פון דער פרעסע. מוסאליני ווייס דאס גאנץ גוט. ער ווייס גאנץ גוט, אז זיין רע-גירונג איז א דורכפאל, וואס איז שייכות היימישע פראבלעמען. דערמיט ער-קלעהרט זיך זיין חוצפה'דיגע טאקטיק געגען איטאליע'ס שכנים, מיט זיינע אולטימאטומס און סטראשונקעס. דאס זוכט דער חברה-מאן ארויסצורופען נייעם ענטוזיאזם און באגייסטערונג פאר זיין רעגירונג אין איטאליען.

אקלאהאמא אונטער קריגס-צושטאנד

דער דראמאטישער קאמף פון גאווער-נאר דזשעק וואלטאן פון אקלאהאמא געגען דער „אונזיכטבארער אימפעריע" פון די קו-קלוקסערס האט לעצטע וואך דערגרייכט א קריטישען פונקט. דאס גיבען אלע צו.

כמעט אלע געריכט-באזעצטע ערטער אין סטייט געפינען זיך אונטער קריגס-צושטאנד, וועלכער ווערט ארויפגעצוואונגען מיט א שטארקען ארעם. אנדערהאלבען יאהר צייט האט דער קו קלוקס קלען איגנארירט די געזעצע פון אקלא-האמא און פשוט געשפיגען אויף זיי מיט פאראכטונג. איבער א יאהר צייט האל-טען די קו קלוקסערס די באפעלקערונג פון שטאאט אין מורא, און אונצעהליגע מענשען זיינען פון זיי געקידנעפט גע-ווארען, געשמיסען געווארען, באשמירט געווארען מיט זשמאכץ און פעדערען, ארויסגעטריבען געווארען פון סטייט, און קיינער האט געגען זיי גארניט געטאן. זיי האבען אפילו ניט געשוינט קיין פרויען. דאס וואס דזשעק וואלטאן איז לעצטען יאהר ערוועהלט געווארען אלס גאווערנאר פון אקלאהאמא אויף דעם פארמער-לייבאר טיקעט, טראץ דער ביי-טערער געגנערשאפט פון דעם קלען, האט געמיינט אן אפענע קריגס-ערקלעה-רונג געגען דער געהיימער באנדע טער-ראריסטען.

גאווערנאר וואלטאן האט געגען זיך א מעכטיגע אפאזיציע — אי פון די מיטגלידער פון דעם קלען און אי פון די מחנות שטאדט- און סטייט-דזשאב-האלדערס, וועלכע זיינען גרייט מקריב צו זיין די פרייהייטען און אינטערעסען פון די בירגער פון אקלאהאמא צו דער טיראניי פון דער „אונזיכטבארער אימ-פעריע". אבער ווי גאווערנאר וואלטאן ערקלעהרט, קען קיין קאמפראמיס אין דער פראגע ניט געמאכט ווערען. דאס לאנד קען ניט זיין האלב זיכטבאר און האלב אינזיכטבאר.

דער קאמף פון גאווערנאר וואלטאן געגען דעם קלען האט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט און דעם אינטערעס פון דעם גאנצען לאנד. איבעראל קוקט מען ארויס מיט נייגירדע אויף דעם אויסגאנג פון דעם קאמף אין אקלאהא-מא געגען דעם קלען. אויב דער קאמף זאל דארט געפיהרט ווערען צו זיין לא-גישען סוף, וועט דאס געוויס מאכען א סוף צו די אקטיוויטעטען פון די אזויגע קלען-באנדיטען ניט נאר אין אקלא-האמא נאר איבער'ן גאנצען לאנד.

טעקסעס, וועלכע האט זיך פאר א יאהרען אונטערגעגעבען צום קלען, הויבט שוין אן באגרייפען ווי האפענונגסלאז אזא טאקטיק איז.

עס איז קיין ספק ניט, אז אין א יאהר אדער צוויי יאהר ארום וועט אק-לאהאמא זיין דאנקבאר זייער שיקזאל, וואס אין דעם גאווערנאר-אמט האט זיך געפונען אזא מאן ווי וואלטאן, וועלכער האט זיך ניט אפגעשראקען אנצופיהרען דעם דרינגענד-נויטיגען אבער פון דעסט-וועגען אונפאפולערען קאמף געגען דער קלען-משונעת.

שפאניען האט שוין אויך א דיקטאטאר.

די איבערקעהרעניש אין שפאניען,— אויב מען קען דאס אנרופען מיט דעם נאמען, — וועלכע איז דורכגעפיהרט גע-ווארען מיט אזא בליץ-שנעלקייט פון קא-פיטאן-גענעראל ריווערא פון בארצעלא-נא, און וועלכע איז דערווייל אפגעגאנ-גען אהן בלוט-פארגיסונג, איז נאך דער-ווייל א רעטעניש.

פון אויבען-אויף זעהט די איבער-קעהרעניש אויס זעהר איינפאך. א נא-רישע, קארופטע ביוראקראטיע האט פאר א רייהע יאהרען געהאלטען אין איין בלוטען דאס לאנד. זיי האבען ארויס-געשלעפט דאס לאנד, וועמעס רייכטום איז באגרענעצט, אין פארשיידענע מיליטערישע אוואנטורען אין צפון אפריקא, אין וועלכע שפאניען האט כסדר נאר געליטען דורכפעלע און ערנידריגונגען. ווען דאס געדולד האט ענדליך געפלאצט, האט די ארמעע געזאגט איהר ווארט — קיין ארבייטער-באוועגונג, וואס זאל ווערט זיין דעם נאמען, איז אין שפא-ניען ניטא — און האט דורכגעטריבען די אלטע ביוראקראטען-באנדע און גע-מאכט פלאץ פאר אנדערע.

דאך איז דאס ווייט ניט די גאנצע געשיכטע. עס ווייזט אויס, אז די מי-ליטערישע הויפטלינגען, וועלכע זיינען יעצט אין זאטעל אין שפאניען, שטעלען זיך ניט צופרידען מיט זייער גרינגען זיג איבער די מאדרידער מיניסטארען. דער שאטען פון דעם פאשיסטישען רעזשים אין דעם שכנ'ישען איטאליענישען האלב-אינזעל ווינקט, משמעות, צו די שפא-נישע מיליטער-לייט, וועלכע האבען דורכגעפירט די „קאזארמע-רעוואלוציע". עס וועט ניט זיין קיין איבערראשונג, ווען זיי וועלען איינפיהרען אין מאדריד א פאשיסטישע דיקטאטור, מיט אלע איהרע שעהנע מעלות, און פארניכטען און צודריקען יעדע אפאזיציע געגען זיך. די צייטונגען גיבען טאקע איבער, אז עס גרינדען זיך שוין אין פארשיידענע טיילען פון שפאניען פאשיסטישע גרופען, וועלכע זיינען ענטשלאסען צו גע-בען שפאניען די זעלבע ברכות וואס דער פאשיזם האט געגעבען איטאליען.

די קלאוס באטאן מאכער יוניאן לאקאל 132

די באטאן מאכער יוניאן, לאקאל 132, געפינט זיך אין א העכסט צופרי-דענשטעלענדען צושטאנד, טראץ דעם וואס די מייסטע מעמבערס געהן איצט ארום אהן ארבייט צוליב די אויסער-געוויינליכע סלעק אין קלאוק טרייד.

מיר זיינען געווען אונרוהיג פון אנפאנגס, ווען מען האט גענומען אפ-לייגען ארבייטער. אייניגע באסעס הא-בען געטראכט דאס זיי וועלען אפלייגען א טייל ארבייטער און א טייל האלטען.

די ענערגישע שטעלונג פון דער יוניאן האט באלד קלאר געמאכט די באסעס, אז זיי מוזען טיילען די ארבעט צווישען אלע-מען גלייך. האבענדיג אין אונזערע רייען א באדייטענדע צאל נעגער-ארביי-טער, וועלכע פלעגען שטענדיג זיין די ערשטע (בעפאר מען האט ארגאניזירט דעם טרייד) אפגעלייגט צו ווערען, הא-בען אייניגע באסעס געמאכט דעם פאר-זוך צו ווידערהאלען זייער אלטע פראק-טיק אבער זיי זיינען זאפארט גע-סטאפט געווארען פון אזא האנדלונג.

ביי דעם דזשענעראל מעמבערס מי-טינג לעצטען פרייטאג, האבען אונזערע שוועסטער און ברידער פון דער שווא-רצער ראסע עפענטליך באדאנקט די יו-ניאן פאר די אויפמערקזאמקייט וואס זיי באקומען פון דער יוניאן, גלייך מיט די ווייסע ארבייטער.

* * *

די אלגעמיינע רוטינע ארבייט פון דער יוניאן, ווי אויך אונזערע ביזנעס באציהונגען מיט די באסעס, ארבייט אויסגעצייכענט גוט. טראץ די גרויסע סלעק — צאלען אונזערע מעמבערס זייערע דיוס רעגעלמעסיג.

* * *

מיר האבען איינגעפירט א ראדיקאלע רעפארמע אין דער צונויפשטעלונג פון אונזער עקזעקוטיוו באארד, נעמליך:—

מיר האבען אין גאנצען 20 געסעטעלטע מאנופעקטשורערס (2 ניט קיין געסעטעל-טע, וואו מען סטרייקט נאך) און יעדער שאפ-טשערמאן — א מעמבער פון דער עקזעקוטיוו באארד. דאס הייסט, יעדער שאפ איז דירעקט פארטראטען אין דער פארוואלטונג פון דער גאנצער יוניאן. און מיר האבען אויסגעפונען אז דאס ארבייט צופרידענשטעלענד פאר אלע-מען.

* * *

אונזער דזשענעראל מעמבערס מי-טינג האט באשלאסען א 50 סענט טעקס פאר דענווער סאניטאריום. ווי אויך אזוי שנעל ווי עס וועט ווערען ארבייט אין די שעפער, זאלען אונזערע זעקס הונדערט מעמבערס פון די סעלילאיד שעפער געבען 6 שטונדען ארבייט אלס טעקס פאר א דעפענס פאנד.

מיר מאכען יעצט אראנדזשמענטס צו שאפען א פאנד פאר אונזערע פאר-קריפעלטע מעמבערס. ערשט לעצטע וואך האט אן ארבייטער ביי די פאוער פרעס מאשין זיך אפגעהאקט 3 פינ-גער. אין אונזערע שעפער טרעפט אזעל-כע עקסידענטען אפט.

* * *

מיר וועלען ווארשיינליך האבען א קאנצערט אין קארנעגיע האל מיט איזא קרעמער און מאשא זיידעל. די ברו-דער גרינגלאס און ווארשאווסקי מאכען די אלע נויטיגע אראנדזשמענטס דער-פאר.

* * *

ענדע די וואך פאנגען מיר אן א דרייוו צו ארגאניזירען די קאווער באַ-טאן מאכער. מיר וועלען אין קורצען באריכטען וועגען דעם וואס מיר האבען אונטערגענומען צו טאן, — צו ארגא-ניזירען די קאווער באטאן מאכער.

ה. דובינסקי, ארגאנייזער.

א שלעכטער מאגען

ברענגט קאפ-שמערצען, אונרייגע בלוט, אפענדיסיטיס און פיעלע אנ-דערע קראנקהייטען.

עקס-לאקס

דער טשאקאלאד אבפיהר-מיטעל

האלט אייער מאגען אין ארדנונג

עקס-לאקס קורירט פערשטאפונג און אין דערזעלבער צייט פערהיט עס אייך פון פיעלע קראנקהייטען, וועלכע קומען פון א שלעכטען און פער-שטאפטען מאגען.

עקס-לאקס איז די וויכטיגסטע ערפינדונג פון דיעזען יאהר-הונדערט און ווערט רעקאמענדירט פון פראמינענטע מאגען-ספעציאליסטען.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. V. No. 38. New York, Friday, September 21, 1923.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

(שלוס פון לעצטער וואך).

פרעז. זיגמאן ערקלערט, אז די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז ניט פאראינטערעסירט ארויסצוווארפען מעמבערס פון דער יוניאן. אבער די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד קען ניט דולדען מעמבערס אין איהרע רייהען, וועלכע גראבען אונטער דעם פונדאמענט פון זייער ארגאניזאציע, וועלכע איז מיט בלוט און שוויים געבוים געווארען. די קאנווענשאן האט איהם געגעבען א מאנדאט אויפצופאסען אויף דער יוניאן, צו פיהרען איהר אויף דעם ריכטיקען וועג און ער וועט קיין מאל ניט מאכען קיין שריט צוריק. ער וועט נאכקומען זיינע פליכטען צו דער ארגאניזאציע וועלכע די קאנווענשאן האט אויף איהם ארויפגעלייגט.

אז די „לינס" זיינען אפאזישאן יוניאנעלאך האט פרעזידענט זיגמאן באוויזען מיט פאקטען. אין שיקאגא האבען זיי פארלאנגט, אז באאמטע פון דזוש. באארד זאלען קומען צו זייערע געהיימע מיטינגען און נעמען פון זיי אינסטרוקציעס ווי אזוי צו האנדלען אין די שעפער. אין ניו יארק האט א „ליג" פון א גרופע עקזעקוטיוו באארד מעמבערס געהאט א געהיימען מיטינג און באשטימט אלץ וואס די יוניאן זאל טאן, ניט לאזענדיג אז די יוניאן זאל דורך דער אפיציעלער עקזעקוטיוו קענען דעמאקראטיש פארהאנדלען דאס וואס עס דארף געטאן ווערען.

ברודער זיגמאן ערקלערט ווייטער, דאס ער איז זעהר צופרידען מיט דער שטעלונג פון דעם דזשאינט באארד און ער איז מעהר ווי זיכער, אז די דזשאינט באארד וועט זיין פאראייניגט און געבען די נויטיגע קאאפעראציע דעם באשלוס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

ברודער זיגמאן ריהרט אויך אן די פאסמער אפער אין שיקאגא, און ער ערקלערט אז די גאנצע זאך איז געווען פראוואצירט פון פאסטער'ן אליין, און די גאנצע פראוואקאציע איז געמאכט געווארען מיט דעם איינציגען ציוועק צו צוברעכען די שיקאגא'ער קלאוקמאכער יוניאן. עס וועט זיי ניט געלינגען אנצוגעהן מיט זייער שמוציגער ארבייט אויף דעם חשבון פון דער „אינטערנעשאנאל".

ברודער זיגמאן רעדט אויך וועגען דער פראגע פון דער דזשענעראל ארגאניזיישאן קאמיטע וואס די דזשאינט באארד געהט איינפיהרען און ער ערקלערט, אז ער איז זעהר צופרידען מיט דעם, באהויפטענדיג, אז די קאמיטע וועט מאכען מעגליך אז נאך פילע אנדערע מעמבערס זאלען ווערען מעטיג אין דער ארגאניזאציע. ער אפעלירט אויך צו דער דזשאינט באארד פאר אייניגקייט. איצט דארף זיך די יוניאן פארבערייטען, ווייל באלד געהען אוים די קאנטראקטען מיט די מאנופעקטשורערס. ער האפט אז די קלאוקמאכער יוניאן וועט זיין גרייט פאר דער גרויסער אויפגאבע וואס שטעהט איהר פאר סיי מאראליש, סיי פינאנציעל.

פרעזידענט זיגמאנ'ס רעדע ווערט אויפגענומען מיט דעמאנסטראציעס און גרויס באגייסטערונג.

באארד און דירעקטארס' באריכט

קאמיטעס.

מ. זיימשיק, פון לאקאל 9, וועלכער האט פארלארען זיין פוס און וועמען די דזשאינט באארד האט שוין איין מאל געשטיצט מיט 100 דאלער, אפעלירט נאך אמאל צו דעם דזשאינט באארד פאר פינאנציעלע שטיצע. ער ערקלערט אז ער האט געהאט א צווייטע אפעראציע און ער דענקט, אז עס וועט איהם נעמען א פאר מאנאטען ביז וואנען ער וועט קענען ארבייטען.

די באארד און דירעקטארס באשליסט איבערצושיקען דעם ברודער צו לאקאל 9, ווייל די באארד און דירעקטארס קען איהם ניט שטיצען, נאכדעם ווי די דזשאינט באארד האט ביי א פריהערדיגען מיטינג באשלאסען, אז אינדיווידועלע מעמבערס זאלען זיך ווענדען צו זייערע לאקאלען פאר שטיצע.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון מאקס פריש, א דרעס הויז, ערקלערען, אז זייער פירמע איז באשטראפט געווארען מיט 25 דאלער פאר באליידיגען אן ארבייטער אין שאפ און די ארבייטער פון דער אויבענדערמאנטער פירמע פארלאנגען, אז די 25 דאלער זאלען געשיקט ווערען צו דעם „אמעריקאן רעליף פאר רוסישע קינדער".

די קייס וועט איבערגעגעבען צו דעם אפיס.

צושריפטען.

לאקאל 1 [illegible] באארד און דירעקטארס די פאלגענדע רעקאמענדאציעס:

1. אן ארגאניזיישאן קאמיטע פון פרייוויליגע מעמבערס פון אלע לאקאלס זאל ארגאניזירט ווערען אין דעם דזשאינט באארד אונטער דער אויפזיכט פון א פעהיגען מענשען.

2. דער פונקט אין דעם קאנטראקט מיט די „אמעריקאן" און „אינדעפענדענט" מאנופעקטשורערס, וועלכער גיט דער יוניאן דאס רעכט צו שטעלען פרייזען פאר נייארויפגעקומענע ארבייטער אין שעפער, זאל שטרענג דורכגעפיהרט ווערען.

3. א דזשענעראל דרייוו זאל געמאכט ווערען אין אלע שעפער וואו עס איז דא געגוג ארבייט אום אוועקצושטעלען די נאך ניט באשעפטיגטע מעמבערס.

4. די יוניאן זאל ניט ערלויבען די מעמבערס צו ארבייטען אווערטיים דעם סיזאן סיידען די לאגע אין טרייד וועט זיך ענדערען.

5. אום אונזערע מעמבערס זאלען נעמען א גרעסערען אנטייל אין דער טעטיגקייט פון דער יוניאן, זאלען שאפטשערמאן מיטינגען גערופען ווערען. ביי זיי צו אינפארמירען וועגען די באדינגונגען אין טרייד.

6. א מאסמיטינג זאל גערופען ווערען פון דזשאינט באארד אום צו באקענען אונזערע מעמבערס מיט די פונדאמענטאלע ענדערונגען וועלכע די יוניאן דענקט דורכצופיהרען אין טרייד, ווען די קאנטראקטען מיט די ארבייטסגעבער וועלען אויסגעהן.

7. די קאמיטע, וועלכע איז באשטימט געווארען צו שטודירען און אריינברענגען א באריכט ווי אזוי א לייבאר ביורא און א רעקארד סיסטעם זאל עטאבלירט ווערען אין דעם דזשאינט באארד, זאל אינסטרואירט ווערען אריינצוברענגען איהר באריכט אזוי שנעל ווי מעגליך.

8. אזוי ווי די וואהלען פון אפיסערס פון דעם דזשאינט באארד זיינען אפגעלייגט געווארען פאר א יאהר צייט, דאך דענקט דער לאקאל, אז א רעוויזירונג פון די דיסטריקט אפיסערס זאל געמאכט ווערען, צופאסענדיג זיי צו די איצטיגע באדינגונגען אין טרייד.

די באארד און דירעקטארס הייסט גוט רעקאמענדאציעס 1, 2, 3, 4, 5, און 7. וואס אנבאלאנגט רעקאמענדאציע נומער 6 ווערט די פראגע אפגעלייגט, ווייל די אפיסערס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און די דזשאינט באארד זיינען נאך ניט געקומען צו א פארשטענדיגונג צווישען זיך וועגען די געפלאנטע ענדערונגען אין טרייד.

רעקאמענדאציע נומער 8 ווערט איבערגעשיקט צו דעם דזשענעראל מענעדזשער און די לאקאל מענעדזשערס.

דער צושריפט פון לאקאל 17 פון אויגוסט דעם 17טען, וועלכער שלאגט פאר די פאלגענדע רעקאמענדאציעס:

1. דאס אן ארגאניזיישאן דעפארטמענט זאל עטאבלירט ווערען אין דעם דזשאינט באארד.

2. דאס דער דזשענעראל מענעדזשער זאל מאכען א גרינדליכע אונטערזוכונג וועגען די באדינגונגען אין דעם ברוקלין דיסטריקט, ווערט גוטגעהייסען מיט דער פאלגענדער מאדיפיצירונג: אנשטאט אן ארגאניזיישאן דעפארטמענט באשליסט די דזשאינט באארד אז אן ארגאניזיישאן קאמיטע זאל ארגאניזירט ווערען.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם צושריפט ערקלערט סעקרעטאר לאנגער דאס ער און דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג האבען אונטערזוכט ברוקלין. אזוי ווי ברודער פיינבערג איז צו א קאנפערענץ מיט די דרעס מאנופעקטשורערס, דארום ווערט דער באריכט פון דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג אין באצוג ברוקלין, אפגעלייגט צו דעם נעקסטען מיטינג פון דער באארד און דירעקטארס.

דער צושריפט פון לאקאל 22 אין וועלכען עס ווערט פארלאנגט, אז א ספעציעלער דרעס דעפארטמענט זאל עטאבלירט ווערען אין דעם דזשאינט באארד, אונטער דער אויפזיכט פון א ספעציעלען מענשען, ווערט אויפגענומען און די באארד און דירעקטארס איז מיט דער מיינונג דאס א ספעציעלער דרעס דעפארטמענט זאל ניט איינגעשטעלט ווערען, ווייל אזא דעפארטמענט וואלט ניט געארבייט צו דער צופרידענהייט פון דער אלגעמיינער יוניאן.

די פראגע צי אונזערע מעמבערס זאל ערלויבט ווערען צו ארבייטען די צוויי טאגס פאר ראש השנה און יום כפור, ווערט איבערגענומען און עס ווערט באשלאסען, אז אונזערע מעמבערס זאל ניט ערלויבט ווערען צו ארבייטען די אויבענדערמאנטע טעג.

מענעדזשערס' באריכטען:

ברודער פריזאמט, [illegible] מענעדזשער פון דעם אינדעפענדענט דרעס דעפארטמענט, באריכטעט אז ער האט צוטיילט זיין דיסטריקט און די פאלגענדע אפיסערס ווערע, קאנטראלירען די פאלגענדע צאהל שעפער:

דיסטריקט 1	פארנאי	49	שעפער
2	האפמאן	62	„
3	סטאוב	62	„
4	פרוהלינג	66	„
5	דאטי	50	„
6	אייזענשטאט	58	„
7	וויסבערג	59	„
8	די גאנא	48	„

ברודער פריזאמט פארלאנגט, דאס נאך איין מעניש זאל צוגעגעבען ווערען צו זיין סטאף אום צו קענען שענקען די געהעריגע אויפמערקזאמקייט צו יעדען שאפ.

די פראגע פון נאך א מאן פאר דעם אינדעפענדענט דרעס דעפארטמענט ווערט ניט קאנסידערט.

ברודער פריזאמט באריכטעט אויך דאס זיין אפיס דענקט צו ערקלערען א סטרייק געגען מאנופעקטשורער מאקס יאנעק, ווייל דער מאנופעקטשורער קומט ניט נאך דעם אגרימענט וועלכען ער האט געמאכט מיט דעם פריהערדיגען דרעס דזשאינט באארד.

די פראגע פון ערקלערען א סטרייק געגען דעם אויבענדערמאנטען מאנופעקטשורער ווערט איבערגעגעבען צום דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג און ברודער פריזאמט.

ברודער הורוויץ, מענעדזשער פון דער אסאסיאיישאן דרעס דעפארטמענט באריכטעט אז זיין דעפארטמענט האט 648 שעפער און די שעפער ווערען קאנטראלירט ווערען ווי פאלגט:

דיסטריקט 1	בערנשטיין	51	שעפ.
2	רייש	55	„
3	שאפירא	64	„
4	גוזמאן	62	„
5	עלניק	63	„
6	ליבערטי	60	„
7	בייליגסאן	65	„
8	דאכס	62	„
10	קאביאטי	50	„
—	סטעטל	45	„

ברודער הורוויץ באריכטעט אויך, אז די פאלגענדע וואך, נאכדעם ווי זיי האבען אריינגעמופט אין דעם אפיס פון דעם דזשאינט באארד, האבען 8 נייע מאנופעקטשורערס געמאכט אפליקיישאנס צו דער דרעס אסאסיאיישאן.

ער באריכטעט אויך, אז זיין אפיס האט קאלעקטעט 589 דאלער אין ווייר דזשעס, פאר ארבייטער פון זיין דיסטריקט.

ברודער הורוויץ'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער פינקאווסקי באריכטעט דאס זייט דעם 15טען דזשולייי האט זיין אפיס אטענדעט צו 438 קאמפליינטס.

ער באריכטעט אויך, דאס זייט דזשולייי דעם 15טען האט ער געצוואונגען 17 ניט יוניאן שעפער ארויסצוגיין פון ביזנעס.

ער באריכטעט אויך דאס זיין אפיס האט קאלעקטעט 221 דאלער אין בעקפעי.

ברודער פינקאווסקי'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער שוסטער באריכטעט דאס לויט די אינסטרוקציעס פון דזשענעראל מענעדזשער, פיינבערג, האט זיין אפיס איבערגענומען אלע סקוירטס שעפער, וועלכע זיינען פריהער קאנטראלירט געווארען פון דעם סקוירט און דרעס דעפארטמענט.

ברודער שוסטער באריכטעט דאס דזש. באומאן, א ניט־יוניאן סקוירט־שאפ, האט נעסעטעלט מיט דעם אפיס און געגעבען א סעקיוריטי פון 200 דאל.

וועגען דעם סטרייק, וועלכער ווערט אנגעפיהרט געגען דער „פרינץ סקוירט קאמפאני" פאר די לעצטע עטליכע וואכען, באריכטעט ברודער שוסטער אז די פירמע איז צופרידען צו מאכען דעם פאלגענדען סעטעלמענט נאכדעם ווי די סקעבס זיינען געצוואונגען געווארען צו פארלאזען דעם שאפ.

1) די פירמע איז צופרידען צוריקצונעמען 4 אפרייטארס און זיי באצאהלען 48 דאלער א וואך, אנשטאט 40 דאלער, וואס זיי האבען נעקראגען איידער דער סטרייק איז ערקלערט געווארען.

2) די פרעסערס, וועלכע האבען פארלאנגט איבער דעם מינימום סקייל, זאלען אפארבייטען א וואך און דאן וועלען די ווייגדזשעס פאר די פרעסערס געשליכטעט ווערען צווישען דער יוניאן און די פירמע.

3) דער אגרימענט זאל בלייבען אין קראפט ביז דעם ערשטען יאנואר, נאך וועלכע צייט די פירמע וועט פארגרעסערן איהר פעקטארי, איינצושטעלען מעהר מאשינען און צוריקנעמען צו דער ארבייט אלע אלטע ארבייטער.

ברודער שוסטער באריכטעט אויך, אז די פירמע קאן איצט ניט באשעפטיגען מעהר מענשען, ווייל זי האט אוועקגעגעבען א טייל פון איהר „לאפט" צו א קלאוק מאנופעקטשורער.

סעלצער און רובין: — די פירמע האט ארעסטירט דעם שאפטשערמאן און זיין פארטנער, אויף דער פרעטענזיע, אז זיי האבען גע'גנב'עט פארהאלארס פון דער פירמע. די קייס איז געקומען אין קאורט און דער דזשאדזש האט די קייס ארויסגעווארפען. דער אפיס האט געראטען די צוויי מעמבערס צוריקצוגעהן צו דער ארבייט, אבער די פירמע האט זיי נאך אמאל ארונטערגעשיקט, ניט נעמענדיג אין אנבאטראכט די האנדלונג פון דעם קאורט. דער אפיס האט ערקלערט געגען דער פירמע א סטרייק. נאכדעם ווי די ארבייטער האבען געסטרייקט פאר איין טאג, האט די פירמע צוגעשטימט צוריקצונעמען צו דער ארבייט דעם שאפטשערמאן און זיין פארטנער און זיי אייך באצאהלט פאר זייער פארלארענער צייט. וואס אנבאלאנגט די פאלשע באהויפטונג פון דער פירמע, אז די צוויי ברידער האבען גע'גנב'עט פארכ, האט דער אפיס די קייס איבערגעשיקט צו אונזער ליגעל אדוויזער, מאיר לאנדאן.

ברודער שוסטער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער שוסטער באריכטעט אויך, דאס ער האט ערקלערט א סטרייק געגען דער פירמע בעקער און בערגמאן, א קארפארייישאן שאפ.

ברודער בראדפילד באריכטעט דאס זיין אפיס האט ארגאניזירט די פאלגענדע נייע שעפער: די דזשינליא, „מעלראוז גירל קאוט קאמפאני", „מארינא מאנופעקטשורינג קאמפאני" און כאמועל בלעקמאן.

דער סטרייק געגען דער „וואלענטינא קלאוק און סוט קאמפאני" איז געסעטעלט געווארען נאכדעם ווי די פירמע האט צוגעשטימט צו צייגען איהרע ביכער צו אונזער אקאונטענט, אום צו זעהן פאר וועמען זי ארבייט.

„מעלראוז גירל קאוט קאמפאני": — דאס איז געווען א ניט־יוניאן שאפ. דער שאפ איז געסעטעלט געווארען נאכדעם ווי די אפערייטארס זיינען געווען איין טאג אין סטרייק.

פעראנטא: — די ארבייטער זיינען צוריקגעשיקט געווארען צו דער ארבייט נאכדעם ווי די פירמע האט צוגעשטימט ניט צו ארבייטען מעהר פאר סטיינבערג בראדערס, געגען וועמען ברודער סלוצקי'ס אפיס פירט א סטרייק.

ברודער בראדפילד באריכטעט אויך, דאס אין הארלעם זיינען דא 22 יוניאן דרעס שעפער און 42 ניט־יוניאן דרעסשעפער.

דער באריכט פון ברודער בראדפילד ווערט גוטגעהייסען.

ברודער סלוצקי באריכטעט דאס דער שאפ פון ספערלינג און לינדאוער איז ערקלערט געווארען אין סטרייק נאכדעם ווי אן אונטערזוכונג אין די ביכער האט ארויסגעבראכט, אז די פירמע שיקט ארוים איהר ארבייט וועהרענד די איינזייד ארבייטער זיצען ליידיג.

ער באריכטעט אויך, דאס דער סטרייק געגען סטיינבערג בראדערס ווערט נאך אנגעפיהרט.

ברודער סלוצקי באריכטעט ווייטער, דאס זיין אינדעפענדענט דעפארטמענט האט קאלעקטעט 2,193 דאלער בעקפעי און דער ריפער דעפארטמענט 1,973 דאלער.

דער באריכט פון ברודער סלוצקי ווערט גוטגעהייסען.

ברודער פערלמוטער באריכטעט דאס דער סטרייק געגען דער דיוויזשאן קלאוק קאמפאני" איז געסעטעלט געווארען נאכדעם ווי די פירמע האט אוועקגעשטעלט א קאטער צו דער ארבייט.

בראס און ראזענבערג: — די פירמע פלעגט אימערצו אליין שניידען איהר ארבייט. נאכדעם ווי דער שאפ איז אפגעסטאפט געווארען, האט די פירמע צוגעשטימט אוועקצושטעלען א קאטער, זי האט אויך באצאהלט א פיין פון 35 דאלער.

ערקאלינא און באטאני: — א רעדזשיסטרירטער קאנטראקטאר פאר א. בארטפאליא, האט ארונטערגעשיקט א פינישער. אונטערזוכענדיג די קייס איז אויסגעפונען געווארען, דאס די פירמע אפערירט א קארפארייישאן שאפ, וועלכער באשטייט פון 2 אפערייטארס, א פרעסער און צוויי אויטסייד פארטנערס. דער שאפ איז אפגעסטאפט געווארען און נאך א סטרייק פון דריי טעג האט די פירמע [illegible] די צוויי

(שלוס אויף זייט 13.)

עדיוקיישאנאל נאטיצען

צום נייעם יאהר

אינזער נייער עדיוקיישאנאל סעזאן האלט ביים אנפאנג.

מעהר ווי ווען עס איז פריהער נויטיג זיך די וועלט אין מענער און פרויען, וואס קענען דענקען קלאר. פון אירע זייטען ווארטען אויף זיי וויכטיגע פראגען, וואס דארפען געלייזט ווערען.

אין אמעריקא, פונקט ווי אין אייראפא, שטעהען אונצעהליגע ערנסטע עקאנאמישע פראגען אויף דער ארדנונג פון טאג. א פאלשער שריט קען ארויסרופען די טרויעריגסטע רעזולטאטען.

עס איז לייכט צו פארשטעהן, אז ריכטיגע לייזונגען פון די דאזיגע פראגען און האנדלונגען אין איינקלאנג מיט די לייזונגען הענגען אפ אן א באקאנטשאפט מיט די פאקטען.

וואס דאס מיינט ווידער, אז אין וואס מיר נויטיגען זיך היינט־צו־טאג אם שטארקסטען, איז בילדונג.

אין די ארבייטער נויטיגען זיך אין ארבייטער בילדונג, וואס וועט זיי העלפען לייזען זייערע פראבלעמען און פארווירקליכען זייערע האפנונגען און אידעאלען.

די פראבלעמען פון דער ארבייטער־באוועגונג זיינען אייגענטליך די פראבלעמען פון דער גאנצער וועלט, ווארים די מאיאריטעט פון דער מענשהייט באשטעהט דאך פון די, וואס ארבייטען מיט די הענד און מיט'ן קאפ, און דאס וואס וועט ברענגען גליק פאר זיי, וועט שוין מוזען ברענגען גליק פאר אלעמען.

לאמיר אין דעם נייעם יאהר פארטזעצען אונזער איבערגעבענע ארבייט פאר דער ארבייטער־באוועגונג און פאר ארבייטער־בילדונג — איינע פון דער ארבייטער־באוועגונג'ס מעכטיגסטע געוועהר.

אלס א פראקטישען אויסדרוק פון אט דער איבערגעבענהייט, לאמיר אפגעבען אינזער צייט און ענערגיע צו שטודירען די געזעלשאפטליכע און עקאנאמישען פראבלעמען, וועלכע מוזען פארענטפערט ווערען, כדי די וועלט זאל בעסער זיין.

די מיטגלידער פון דער א. ל. ג. וו. י. מוזען טאן זייער חלק ארבייט ניט בלויז דורך גוטהייסען און שטיצען אונ־ זער בילדונגס־ארבייט, נאר דורך דעם, וואס זיי וועלען אליין טאקע ארייננעהן אין אונזערע קלאסען. זאלען זיי אליין קומען צו די לעקטשורס. דאס וועט פיהרען דערצו, אז די צאהל אינטעליגענטע, גוט־אינפארמירטע מיטגלידער וועט וואקסען אין אונזער אינטערנעשאנאל.

האט איהר אונז צוריקגעשיקט דעם צעטעלע וואס מיר האבען אייך צוגעשיקט?

האט איהר אונז צוריקגעשיקט דעם צעטעלע מיט אייער נאמען און אדרעס און דעם לאקאל צו וועלכען איהר באלאנגט, וועלכען מיר האבען אייך געשיקט? האט איהר אויף איהם אנגעצייכענט וועלכע קורסען איהר האט בדעה צו נעהמען דעם קומענדען סעזאן?

מיר ריידען עס צו די, צו וועלכע אונזער עדוקיישאנאל דעפארטמענט האט צוגעשיקט בריף צוזאמען מיט א „סליפ". מיר האבען זיי געראטען צו לייענען אויפמערקזאם דעם צוגעשיקטען העפט, אין וועלכען עס ווערט אויסגערעכענט די פראגראם פון אונזער בילדונגס־ארבייט פאר דעם נעקסטען סעזאן. יעדער קורס איז נומערירט, און די סטודענטען זיינען געבעטען געווארען אויסצוקלייבען דעם קורס אדער קורסען וואס זיי ווילען נעהמען, ארונטערנעהמען דעם נומער פון דעם באטרעפענדען קורס, אנשרייבען דעם נומער אויף דעם „סליפ" און עס צושיקען צו אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט.

מיט פארגעניגען מאכען מיר באקאנט, דאס א סך מיטגלידער האבען דאס שוין געטאן. אבער א סך האבען עס נאך ניט געטאן. די מיטגלידער דארפען פארשטעהן, אז זיי וועלען דורך דעם אונז פארשפארען א סך ארבייט. זיי וועלען דערמיט מאכען מעגליך פאר אונז פריהער אויסצולעגען די קורסען לויט דער צאהל סטודענטען וואס מיר וועלען האבען פאר זיי. מיר בעטען דערפאר די, וואס האבען עס נאך ניט געטאן, אויסצופילען די „סליפס" און עס אונז צוצושיקען. מיר האפען, אז די מיטגלידער וועלען זיך אפרופען אויף דיזער ביטע.

וועכענטליכער קאלענדאר פון די יוניטי צענטערס.

די פאלגענדע יוניטי סענטערס האבען זיך געעפענט מאנטאג, סעפט. 17:
די קלאסען פאנגען זיך אן אום 7:30

איסט סייד יוניטי צענטער.
פאבליק סקול 63 — פערטע סטריט, נעבען ערשטער עוועניו, מאנהעטען.

ווייסטמייקער'ס יוניטי צענטער.
פאבליק סקול 40 — 320 איסט 20טע סטריט, מאנהעטען.

בראנקס יוניטי צענטער.
פאבליק סקול 61 — קראטאנא פארק איסט און שארלאט סטריט, בראנקס

צווייטער בראנקס יוניטי צענטער.
פאבליק סקוהל 42 — וואשינגטאן עוועניו און קלערמאנט פארקוועי, בראנקס.

לאוער בראנקס יוניטי צענטער.
פאבליק סקול 43 — בראון פליים און 135טע סטריט, בראנקס.

בראנזוויל יוניטי צענטער.
פאבליק סקול 150 — קריסטאפער און סאטער עוועניוס, ברוקלין.

וויליאמסבורג יוניטי צענטער.
פאבליק סקוהל 147, בושוויק עוועניו און מעקקיבען סטריט, ברוקלין.

מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך אווענדס, וועט אין די אלע יוניטי צענטערס געלערענט ווערען ענגליש, א חוץ די אנדערע סאבדזשעקטס וואס דארט וועט געלערענט ווערען.

נייעס פון יוניאן העלטה סענטער

פילע מעמבערס פון דער יוניאן האבען קאמפליינט, דאס ווען זיי קומען אין דעם מעדיקאל דעפארטמענט פון דעם יוניאן העלט סענטער פאר 12 מיטאג צייט, אדער צווישען 2 און 5 נאכמיטאג, קענען זיי ניט עקזאמענירט ווערען, ווייל עס זיינען דאן ניטא קיין דאקטוירים אויפ'ן פלאץ. דער יוניאן העלט סענטער לאזט מיט פרייד וויסען אלע מעמבערס, אז עס איז אפאינטעט געווארען אלס רעזידענט דאקטאר, דר. עהרענבערג, וועלכער געפינט זיך אין דעם מעדיקאל דעפארטמענט פון יוניאן העלט סענטער אלע טאג פון 10 פריה ביז 8 אווענט, און אונזערע פאציענטען וועלען קענען באהאנדעלט ווערען ווען נאר זיי וועלען קומען.

מיט אומגעפער צוויי וואכען צוריק איז א קאמיטע אויסגעפארען קיין ליבערטי, צו אונטערזוכען די באדינגונגען אונטער וועלכע אונזערע קאנסאמפטיוו מעמבערס ווערען דארט באהאנדעלט. זיי האבען געפונען אלעס צופרידענשטעלענד, און נאך דער אונטערזוכונג זיינען זיי געקומען צו געוויסע שליסע, וועלכע, ווען זיי זאלען דורכגעפירט ווערען, וועט עס פיעל פארבעסערען די באהאנדלונג פון אונזערע קאנסאמפטיוו פאציענטען.

די באארד אוו דירעקטארס פון דעם יוניאן העלט סענטער, ביי א מיטינג, פרייטאג דעם 7טען סעפטעמבער, האט באשלאסען צו רופען א גענעראל מיטינג פאר מאנטאג, דעם 17טען סעפטעמבער, אום 6 אזייגער אווענט, אין יוניאן העלט סענטער, אום צו דיסקוטירען און מאכען ענדגילטיגע אראנדזשמענטס צו באזארגען די קאנסאמפשאן פאציענטען. אלע מעמבערס פון די רעליף קאמיטעס פון די לאקאלס און אלע וואס אינטערעסירען זיך מיט דער פראגע, זיינען איינגעלאדען געווארען צום דעם מיטינג.

עס ווערען געמאכט פארבאריימונגען צו אינסטאלירען עלעקטרישע אפאראטען פאר עלעקטרישע באהאנדלונג אין דעם יוניאן העלט סענטער. פאר דיזען צוועק האט די באארד אוו דירעקטארס פון יוניאן העלט סענטער באשטימט די סומע פון 4000 דאלאר. מיר האפען צו עפענען דעם דעפארטמענט דעם 1טען אקטאבער, מיט א פאלשטענדיגע עלעקטרישע און בייקינג מאשינעס, פאר רומאטיזם און אנדערע קראנקהייטען.

א מיטינג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22

א זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעס־מאכער יוניאן לאקאל 22 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענד, דעם 28טען אויגוסט, אין 16 וועסט 21טע סטריט. אונטער דעם פארזיץ פון שוועסטער וואלקאוויץ.

מיר האבען געקראגען א צושריפט פון א פראוויזארישע קאמיטע צו פארמירען אן ארבייטער־קאלעדוש. אונזער עקזעקוטיוו באארד ווערט איינגעלאדען צו שיקען א רעלעגאט צו א קאנפערענץ, וואס וועט געהאלטען ווערען דעם 12טען סעפטעמבער אין סטייוועסאנט קאסינא אויף צווייטע עוו.

שוועסטער מירסקי איז ערוועהלט געווארען אנטייל צו נעהמען אין דעם קאנפערענץ.

א סטרייקער פון ליבערמאן דרעס קא., 105 וועסט 26טע סטריט, איז אויפגעטראטען פאר'ן עקזעקוטיוו באארד און באקאנט מאכענדיג איהם מיט דער לאגע פון דעם סטרייק האט זי פארלאנגט, אז דער באארד זאל וועגען דעם האנדלען. עס איז באשלאסען געווארען איהר פארלאנג איבערצואווייזען צום דזשאינט באארד אפיס.

ברודער קאפלאוויץ, טרעזשורער פון דעם קלאוק און דרעס מאכער דזשאינט באארד, האט מיטגעטיילט, אז אנהויבענדיג פון דעם 20טען אויגוסט וועלען די אויסגאבען פון דער דערמאנטער קערפערשאפט צ'טיילט ווערען צווישען אלע לאקאלס, שוין אריינרעכענענדיג אויך אונזערען. ער פארלאנגט דעריבער, אז מיר זאלען דערהוויל אריינשיקען צום דזשאינט באארד איין דאלאר פאר יעדען מעמבער פון אונזער לאקאל אלס א רעוואלווינג־פאנד, וואס וועט געהאלטען ווערען פונ'ם דזשאינט באארד. ברודער שעהנהאלץ איז דעריבער פונ'ם עקזעקוטיוו באארד אינסטרואירט געווארען אריינצושיקען 10 טויזענד דאלאר צום קלאוק און דרעס־מאכער דזשאינט באארד אלס אינזער רעוואלווינג־פאנד.

עס איז אויפגענומען געווארען דער באריכט פונ'ם דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעס־מאכער יוניאן פון מיטינג פון דעם 24טען אויגוסט. צוזאמען מיט דעם איז אויך אויפגענומען געווארען דער באריכט פון דעם באארד אוו דירעקטארס פון דעם 22טען אויגוסט.

דער דזשאינט באארד באריכט איז טיילווייז גוטגעהייסען געווארען און טיילווייז ניט. דער עקזעקוטיוו באארד האט, צום ביישפיל, ניט גוטגעהייסען דעם באשלוס פונ'ם דזשאינט באארד ניט אנצונעהמען די איינלאדונג צו א קאנפערענץ, איינבארופען פון דער פעדעראטיוער פארמער לייבאר פארטיי פון ניו יארק. ער האט אויך צוריקגעוויזען די האנדלונג און דעם באשלוס פון דעם דזשאינט באארד אין באצוג צו דער ערקלעהרונג און פאראדנונג, וואס די אינטערנעשאנאל האט ארויסגעשיקט וועגען דעם באשלוס פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד בנוגע די אקטיוויטעט פון איינגע אינטערנעשאנאל מעמבערס אין געוויסע גרופען, ווי די שאפ־דעלעגאטען ליג און די טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג.

ברודער פיינבערג, מענעדזשער פון קלאוק און דרעס מאכער דזשאינט באארד, וועלכער איז גראד אנוועזענד געווען ביים מיטינג, ווען די אויבען־דערמאנטע פראגע איז פונ'ם עקזעקוטיוו באארד אויפגענומען געווארען, האט ערקלעהרט וואס עס האט באוואויגען דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד אזא שטעלונג צו נעהמען. ער האט געזאגט, אז הגם ער גלויבט אין פרייע רעדע און פרייע פרעסע, וועלכע זיינען די פונדאמענטאלע פרינציפען פון דעמאקראטיע, קען אבער די יוניאן בשום אופן ניט דינען אלס אן אגענטור פאר דער אדער יענער גרופע, אדער וועלכער עס איז פאליטישע פארטיי. זיין באגריף פון דער טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג איז, אז די דאזיגע קערפערשאפט איז קיין אנדער זאך ניט ווי אן ארגאניזאציע געגען יוניאניזם, און קען ניט און וועט נישט געדולדעט ווערען פונ'ם גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל, ווייל דער הויפטציל און צוועק פון דער ליג איז צו פארניכטען אונזער איצטיגע ארגאניזאציע, וועלכע האט אונז געקאסט אזוי פיל בלוט און קרבנות, ביז מיר האבען איהר אויפגעבויט פאר אונזערע מעמבערס. קיין יוניאן קען ניט טאלערירען פרעמדע עלעמענטען, וועלכע ווילען דיקטירען די „פאליסיס" פון דער יוניאן, באאיינפלוסען און ארויפצווינגען באשלוסען אויף איהרע מעמבערס, ספעציעל ווען אזעלכע עלעמענטען ווערען געפיהרט פון ארגאניזאציעס וואס האבען קיין געמיינשאפטליכעס ניט מיט דער יוניאן.

שליסענדיג זיין רעדע צום עקזעקוטיוו באארד, האט ברודער פיינבערג געזאגט, אז אלע די, וואס זיינען אקטיוו אין דער ליג, וועלען דארפען באשליסען אדער זיך צוריקצוציהען פון איהר, אז ניט וועלען זיי אויסגעשלאסען ווערען אלס מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל.

דער באריכט פון דעם באארד אוו דירעקטארס איז גוטגעהייסען געווארען.

דער באריכט פון דער פינאנץ־ און אפיס־קאמיטע פון איהר מיטינג פון דעם 28טען אויגוסט איז אויפגענומען און פארהאנדעלט געווארען.

די קאמיטע האט צווישען אנדערעס אויך באטראכט דעם פארלאנג פון דער קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט, וועלכער איז פונ'ם עקזעקוטיוו באארד איבערגעשיקט געווארען צו איהר, און זי האט באשלאסען, אז דער עקזעקוטיוו באארד זאל אחוץ דעם וואס ער זאל ווערען א מיטגליד פון דער ארגאניזאציע און צאהלען 10 דאלאר יעהרליך אלס מיטגלידס־בייטראג, זאל ער אויך ביישטייערען 25 דאלאר צום פאנד פון דער דאזיגער ארגאניזאציע.

די ארגאניזאציאנס־קאמיטע האט אריינגעבראכט דעם באריכט פון איהר לעצטען מיטינג.

דער עקזעקוטיוו באארד האט דעם באריכט גוטגעהייסען און אנגענומען דער קאמיטע'ס רעקאמענדאציע, אז א גענעראל מעמבער מיטינג זאל איינבארופען ווערען פאר דאנערשטאג אווענד, דעם 6טען סעפטעמבער.

די קאמיטע, וועלכע איז ביים לעצטען עקזעקוטיוו באארד מיטינג ערוועהלט געווארען אויסצוגעפינען מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם צושריפט פון דער אינטערנעשאנאל בנוגע די מעמבערס, וואס באלאנגען צו דער שאפ־דעלעגאטען ליג און טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג האט באריכטעט, אז נאכדעם ווי זי האט געהעריג באטראכט די זאך האט זי געשיקט א בריף צום גענעראל עקזעקוטיוו באארד, פון וועלכען דער תמצית איז, אז

„ווי דער עקזעקוטיוו באארד פארשטעהט אייער באשלוס, זוכט איהר אפצוהאלטען איינינע מעמבערס פון אונזער לאקאל פון צו זיין אקטיוו און זיך באטייליגען אין דער שאפ־דעלעגאטען־ליג און טרייד יוניאן עדוקיישאנאל ליג. אונזער עקזעקוטיוו באארד וויל אייך מודיע זיין, אז ער ווייס ניט פון קיין פונקט אין דער קאנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער פארווערט מעמבערס פון לאקאל יוניאנס צו באלאנגען צו וועלכער עס איז ארגאניזאציע, וואס איז ניט קיין פאק יוניאן".

דער בריף איז אונטערגעשריבען פון דער קאמיטע: ראוז וואלקאוויץ, מעהי קארעווסקי, סערע דארנער.

שוועסטער פרידמאן, וועלכע איז געוועזען ביים מיטינג, וואס איז איינגעארדענט געווארען פון דעם „יוניאן העלטה סענטער" אין פערנדייל, סאליוואן קאונטי, ניו יארק, כדי באקאנט צו ווערען מיט דעם פלאן, וואס א געוויסער דאקטאר האט פארגעשלאגען אויפצופאסען אויף אונזערע טובערקולאזע מעמבערס אין זיין סאניטאריום, האט באריכטעט וועגען דעם מיטינג און איבערגעגעבען די פלענער, וואס דער באטרעפענדער דאקטאר האט פאר דער קאמיטע פארגעלעגט. אבער אזוי ווי מיר קענען אין איצטיגען מאמענט ניט צוטרעטען צו אזא אונטערנעהמונג, ווייל מיר האבען ניט אזא פאנד אין אונזער יוניאן, פארלאנגט זי, אז דער עקזעקוטיוו באארד זאל גלייך אינסטרואירען אונזער סיקבענעפיט פאנד קאמיטע פארצולעגען און אננעהן מיט איהרע פלענער, אזוי אז דער סיק־בענעפיט פאנד זאל וואס שנעלער איינגעפיהרט ווערען. דער עקזעקוטיוו באארד האט אויף איהר פארלאנג אינסטרואירט דעם סעקרעטאר צוזאמענצורופען דער קאמיטע אזוי שנעל ווי מעגליך און זעהן, אז זי זאל באלד אנהויבען טאן ארבייט.

שוועסטער פרידמאן האט אויך באריכטעט וועגען דעם איי און טי שאפ, וועגען וועלכען עס איז שוין אפגעגעבען געווארען א באריכט ביים לעצטען עקזעקוטיוו באארד מיטינג, און צוויי עקזעקוטיוו מיטגלידער זיינען דעמאלס צוגעזעצט געווארען צו האבען א צווייטען מיטינג מיט די ארבייטער פון שאפ און אננעהן מיט דער אונטערזוכונג. אין איהר באריכט האט שוועסטער פרידמאן געזאגט, אז זי האט ביים מיטינג ניט געקענט ארויסקריגען מעהר ווי שוועסטער ראטספארד האט פון די ארבייטער ארויסגעקראגען.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטאר.

וויכטיגע פאסירונגען אין דער סימפעל-מאכער יוניאן לאק. 3

פון ד. רובין, עקטינג סעקרעטאר.

דער איצטיגער סעזאן איז זעהר א שלעכטער. ווי עס זעהט אויס וועט עס שוין בעסער ניט זיין. מיר האבען אפילו ערווארטעט, דאס עס וועט זיך נאך מאכען אביסעל ארבייט. דא און דארט איז יא דא צייטווייליגע ארבייט, אבער די גרעסטע צאהל פון אונזערע שניידער ארבייטען ניט. דער ווינטער סיזאן איז אריבער, און אונזערע שניידער ליידען דערפון גאנץ היבשלאך.

די לאגע, נאטירליך, רופט זיך שטארק אפ אויף אונזער לאקאל. האבענדיג אין זינען אלע אונזערע געשעהענישען און איבערלעבונגען אין אונזער לאקאל, אין נאך דעם דער איצטיגער סיזאן, פיהלט זיך אונזער לאקאל באדייטענד אפגעשוואכט. ווען איך זאג אונזער לאקאל איז אפגעשוואכט, מיין איך ניט חלילה דאס די יוניאן איז שוואך; פארקערט, אונזערע אויסשליסליך שניידער־שעפער זיינען גוטע, הונדערט־פראצענטיגע יוניאן־שעפער, טראץ דעם באדייטענד שלעכטען סיזאן.

אונזערע מיטגלידער זיינען ארבייטסלאז, און מיט מענשען וואס ארבייטען ניט, קאנט איהר ניט ארגומענטירען. עס פריכט זיי גארניט אין קאפ. זיי זיינען פאר'דאגה'ט מיט זיך אליין און זיך פאראינטערעסירען מיט די שוועריגקייטען פון זייער לאקאל קומט ביי זיי אויף לעצט. פון דער צווייטער זייט, ווען אונזערע שניידער ארבייטען ניט, צאהלען זיי ניט קיין דיוס. דאס איז אי שלעכט פאר דעם לאקאל, אי פאר די מיטגלידער. זיי זאמלען אן צופיל, און דאן איז עס שווער פאר זיי צו באצאהלען מיט אמאל.

דאס און פילע אנדערע איבלען שטעהען אונז איצט פאר, א דאנק דעם צרה'דיגען סיזאן.

אזוי שנעל אבער ווי דער מאנאט סעפטעמבער געהט אוועק, פאנגט זיך אן דער סעמפעל סיזאן. אין מאנכע שעפער האט מען שוין אנגעפאנגען מאכען סעמפעלס.

די לאגע אין דעם פאל האט זיך אבער אויך פיל געענדערט אין באצוג ווער עס זאל מאכען די סעמפעלס.

אמאל האט מען געוואוסט, דאס די סעמפעלס מ ו ז ע ן געמאכט ווערען פון שניידער, און מיטגלידער פון לאקאל 3 און ניט פון אפערייטארס. היינט איז אנדעריש. נאך דעם ווי דער אפערייטאר מאכט זיין סיזאן, מאכט ער א פארטזעצונג מיט א צווייטען סיזאן אין פארפערטיגען סעמפעלס. ווען עס ווערט ווייניג ארבייט ביי סעמפעלס, איז ער דאך אן אפערייטאר, און דארף קריגען גלייכע צוטיילונג פון ארבייט, ווייל ער האט דאך געארבייט אין דער אינסייד פעקטארי אויף סטאק ארבייט, קריגט ער ווידער צוגעטיילט זיין טייל פון סטאק ארבייט.

מיט דעם סעמפעל מאכער איז עס אבער גאנץ אנדעריש. ביז ער קריגט שוין דעם דזשאב אלס א סעמפעל־מאכער, און זעצט זיך ארבייטען, טרעפט ער באלד ביי דער זייט אן אפערייטאר, וואס יאגט און טרייבט איהם צו „פראדוצירען" וואס מעהר סעמפעלס. דער סעמפעל מאכער מיט אלע זיינע כוחות קאן איהם ניט נאכפאלגען און דער סוף איז, דאס דער סעמפעל־מאכער ווערט אפגעזאגט נאך א פאר וואכען זיך יאגען און לויפען.

דער סעמפעל מאכער קען דאך ניט קליימען צו קריגען זיין טייל ארבייט אויף סטאק, ווייל ער איז דאך ניט קיין אפערייטאר. ווערט ער אפגעלייגט אין דארף ווארטען ביז זיין „נעקסט" קומט אום צו מאכען א פאר טעג. אזוי ארום ווערט דעם סעמפעל מאכער מאוס און נמאס און ער איז געצוואונגען דעם דזשאב צו פארלאזען.

ווי די זאך איז, איז ביי דעם אפערייטאר דאס מאכען פון סעמפעלס נישט מעהר ווי כאפען א דזשאבעל, וועהרענד ביי דעם סעמפעל מאכער איז דאס א לעבענסנויטיגקייט. דער סעמפעל־מאכער ווארט אויף דעם, און ווען עס קומט די צייט, וועט די ארבייט ביי איהם פארנומען פון די אפערייטארס.

די פראגע איז ניט קיין נייע ביי אונז, און אויך ניט ביי די אפערייטארס־לאקאל. אבער מיט דער איינפיהרונג פון וואך־ארבייט איז די לאגע פון דעם סעמפעל־מאכער נאך פיל אונערטרעגליכער געווארען. נישט גענוג וואס דער אפערייטאר פארנעהמט דעם סעמפעל מאכער'ס ארבייט, יאגט און טרייבט איהם, ווייל אויף איין אפערייטאר קאנען ארבייטען צוויי אין דריי סעמפעל־מאכער, לאזט נאך דער אפערייטאר ארונטער פון זיין פרייז וואס ער קריגט אויף סטאק ארבייט, און מאכט זיין פרייז פיל ביליגער, וועהרענד ער מאכט סעמפעלס. ניט גענוג, וואס דער אפערייטאר פארנעהמט דעם סעמפעל־מאכער'ס ארבייט, און פאלגליך זיין שטיקעל ברויט וואס ער ווארט אויף איהם מאנכעס מאל מאנאטען לאנג, קאנקורירט דער אפערייטאר נאך מיט דעם סעמפעל־מאכער אין זיין פרייז.

גענוג צרה'דיג איז דאך דעם סעמפעל מאכער'ס פרייז — זיין מינימום סקייל, איז ווען דער אפערייטאר פרובירט ארונטערלאזען פון זיין פרייז און גלייכט זיך אויס מיט דעם פרייז פון דעם סעמפעל־מאכער, קאנט איהר זיך שוין פארשטעלען ווי דער סעמפעל מאכער זעהט אויס.

א דאנק דעם האבען מיר אלע מאל ארבייטסלאזע אין אונזער לאקאל און פיעלע זיינען געצוואונגען זיך צו נעהמען צו אנדערע באשעפטיגונגען. דאס, פארשטעהט זיך, איז ניט זעהר געזונד פאר אונזער לאקאל. די ארבייטסלאזיגקייט איז אלע מאל גרויס אין אונזער לאקאל און איבערהויפט דעם סיזאן.

מיר דארפען איין מאל פאר אלע מאל קומען צו פארשטענדיגונג און אויסגלייכען די אנגעוועהטאגטע לאגע צווישען דעם סעמפעל מאכער און דעם אפערייטאר. דער סעמפעל מאכער פיהלט, דאס זיין לאקאל איז באשאפען געווארען אום זיינע באדערפנישען צופרידענצושטעלען. אנדעריש פיהלט ער ניט דאס ער ווערט מיט רעכט באהאנדעלט. מיר גלויבען, דאס מיר קאנען צו אזא פארשטענדיגונג קומען מיט די מעהר פראגרעסיווע אדמיניסטראציע פון לאק. 1. מיר האבען שוין דאס עטליכע מאל פארגעשלאגען, אבער ווי עס זעהט אויס קיקען די אפערייטארס אנדעריש אויף דער פראגע ווי מיר.

ביי אזעלכע געלעגענהייטען האט מען אונז פילע מאל געוואלט איינרעדען, דאס מיר קאנען ניט אפהאלטען די אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, דער פאקט איז פיל שטארקער אין די ענדערונג ווער עס זאל מאכען סעמפעלס, און מיר קאנען צו דעם גארניט טאן. מיר זיינען ניט איבערצייגט מיט די ארגומענטען און מיר גלייבען עס איז מעהר אן אויסרייד ווי עפעס אנדעריש. און ערנסטע באטראכטונג אין דעם פאל פון ביידע לאקאלען וועט פיל נוצען ברענגען.

מיר וועלען דעריבער, אזוי שנעל ווי דער סעמפעל סיזאן וועט זיין אין פולען גאנג, אנפאנגען רופען אלע סעמפעל־מאכער צו מיטינגען. מיר וועלען רופען שאפ ביי שאפ, און מיר ווילען האפען, דאס די סעמפעל־מאכער וועלען קומען.

סעמפעל מאכער! איהר, מעהר פון אלע אנדערע, פארשטעהט אייער לאגע אם בעסטען. ווען מיר רופט אייך, קומט. זאל דאס זיין ביי אייך דאס ערשטע, אנשטאט דאס לעצטע, וואס איהר דארפט טאן. מיר ווילען זיך מיט אייך דורכרעדען און אייך אינפארמירען וועגען פראגען, און וועלכע איהר זייט אין מיזט זיין שטארק פאראינטערעסירט.

אזוי שנעל, ווי דער שאפ־טשערמאן פון אייער שאפ זאגט אייך אן, דאס אייער לאקאל רופט אייך צו א מיטינג, לייגט אלעס אפ און קומט. מיר האפען דאס איהר וועט אזוי טאן.

קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס דערקלערן א גענעראל סטרייק

(שלוס פון זייט 1)

טאט איז, דאס עס זיינען געווען בלויז פופצעהן שטימען געגען א סטרייק און מיט גרויס ענטוזיאזם איז באשלאסען געווארען, דאס דער סטרייק זאל דערקלערט ווערען דינסטאג, דעם 18טען סעפטעמבער, 10 א זייגער אין דער פריה. עס ווערט ערווארטעט, דאס אלע ארבייטער אין טרייד וועלען ארויסגעהן און דאס דער סטרייק וועט לאנג ניט געדויערען.

„לעפקאוויטש".

א שוואכקייט

(הומארעסקע)

פון ז. וויהלער.

פונקט ווי אין יעדען חלוש, אין יעדען שוואכלינג, ליגט ערגעץ פארבארגען א געוויסער כח, א געוויסע גבורה, וואס ווייזט זיך אומגעריכט ארויס ביי א געוויסען צופאל — אזוי טראגט יעדער גבור, יעדער שטארקער, אום אין זיך ערגעץ א געוויסע שוואכקייט, וואס שפרינגט אומגעריכט ארויס אין א געוויסען מאמענט...

ווער נאר עס האט געהאט דאס גליק באקאנט צו ווערען מיט רובין אייזענבערג, האט שוין זיין גאנצען לעבען געהאט פאר זיך א מוסטער פון מענשליכען מוט און קראפט. רובין אייזענבערג איז געווען רעוואלוציע פערזאניפיצירט. די ווערטער „מורא", „שרעק", איז אין זיין ווערטערבוך ניט געווען צו געפינען. טורמעס, באריקאדען, יעדע געפאהר וואס איז פארבונדען מיט רעוואלוציאנערער טעטיגקייט, איז ביי איהם געווען א שפילכעל. עס האט אויסגעקוקט, אז דער מענש איז באשאפען געווארען מיט שטאלענע נערווען און אז אין זיין ברוסט טראגט ער א קרעמען אנשטאט א הארץ...

און דאך האט אט דער ריז פון א מענשען אומגעטראגען אין זיך א געוויסע שוואכקייט, וואס פלעגט זיך באווייזען איין מאל אין יאהר אין א געוויסען טאג און פארשווינדען מיט דעם טאג. די שוואכקייט איז באשטאנען אין — פאסטען יום כיפור. ניט דערפאר וואס אייזענבערג איז געווען אזוי רעליגיעז געשטימט — אדרבה! ער איז נאר געווען א פרינציפיעלער פריידענקער. און אין זיין רעוואלוציאנערער פראגראם האט דער קאמף געגען רעליגיאן ניט פארנומען דעם לעצטען ארט; און ווען עס זאל איהם אויסקומען צו געהן יום־כיפור אין שאפ צו דער ארבייט, וואלט עס ביי איהם קיין אומגליק ניט געווען; אבער פאסטען וועט ער סיי ווי סיי, צי ער ארבייט דעם טאג, צי ניט.

גראדע ארבייט ער אין א פלאץ וואס איז יום כיפור געשלאסען, און דער יום כיפור'דיגער טאג איז פאר איהם ווירקליך אן אפקומעניש. ער האט זיך ניט וואו אהינצוטאן. זיצען אין הויז, קומען געוועהנליך ארויף באקאנטע און עס איז ניט אנגענעהם צו ווערען א בייז וואונדער פאר לייטען — וואס וועט ער זיך נעהן שווערען פאר זיי, אז ער פאסט, אז יענע ווילען דאך סיי ווי סיי ניט גלויבען. — עס קאן ניט זיין! — שרייען זיי... וואלט ער כאטש געהאט עפעס גוטע ארגומענטען ער זאל זיי קענען איבערצייגען אז פאסטען א טאג איז ניט קיין ראדיקאלע עבירה — איז אבער זיין וויסען אין דעם ענין זעהר באשרענקט... מוז ער דעריבער דעם גאנצען טאג יום כיפור זיך אויסבאהאלטען פון מענשען.

איינמאל אבער לייענט ער אין א זשורנאל אן ארטיקעל איבער פארשיידענע קראנקהייטען, געשריבען פון א באוואוסטען דאקטאר, און אין דעם ארטיקעל שטעהט בפירוש, אז פאסטען א טאג אדער צוויי איז גוט צו געוויסע קראנקהייטען.

ווען דער דאקטאר זאל געווען זעהן מיט וואס פאר א פרייד און דאנקבארקייט אייזענבערג האט אויסגעשניטען דעם ארטיקעל און באהאלטען צווישען דעם ביסעל צירונג, — וואלט ער, דער דאקטאר, געווען געווארען גרעבער ווי לענגער... און ווי נאר עס איז געקומען יום־כיפור האט אייזענבערג ארויסגענומען דעם ארטיקעל, פונקט ווי א פרומער איד דעם מחזור, און געזעסען גרייט מכבד צו זיין די געסט וואס וועלען ארויפקומען... און אז קיין געסט זיינען אזוי גיך ניט ארויפגעקומען, איז ער געזעסען און דערוויילע געלייענט דעם ארטיקעל פאר זיך אליין; נאכדעם האט ער איהם פארגעלייענט פאר זיין פרוי און פארפיהרט מיט איהר א דיסקוסיע וועגען פאסטען. ער האט איהר געזוכט צו איבערצייגען, אז דאס, וואס די אמאליגע טאטעס און זיידעס האבען געלעבט אזוי לאנג און קיינמאל ניט געקרענקט, איז געווען דערפאר וואס זיי פלעגען אומפארפאסטען פון צייט צו צייט — אט זעה, וואס דער דאקטאר שרייבט. און ער לעזט די שטעלע ווי דער דאקטאר ערקלעהרט די ווירקונג פון פאסטען אויף דעם מענשליכען קערפער...

— אין איינעם א יום כיפור איז אנגע'חתמ'עט געווארען, אז רובין אייזענבערג זאל פארלאזען זיין דירה מיט די צימערען און זיך ארויסקלייבען פון דער שטאדט ערגעץ אין א קליין שטעדטעל, ווייל ער איז ארומגעגאנגען א לאנגע צייט אהן ארבייט און א באקאנטער פון יענעם שטעדטעל האט איהם געשריבען, אז ער זאל תיכף קומען צו פאהרען ווייל עס ווארט א דזשאב פאר איהם.

אז רובין אייזענבערג איז געווארען דער צענטער פון דער באוועגונג אין יענעם שטעדטעל איז דאך אפגערעדט. עס האט דאך ממש געוועהט פון איהם מיט גרויס־שטעדטישער לופט... היינט זיין פערזענליכע באקאנטשאפט מיט די גדולים פון דער באוועגונג איז דאך געווען ניט אפצושאצען. וואכען און מאנאטען וואלטען זיי געזעסען ארום אייזענבערג'ן און איהם הערען דערצעהלען פון דעם אינטימען לעבען פון דעם שרייבער און פון יענעם רעדנער — און הערען עפיזאדען פון פארשיידענע אונטערנעהמונגען. און וואס מעהר אין אייזענבערג'ען איז געוואקסען די בענקשאפט צוריק אין שטאדט אריין, אלץ מעהר איז געוואקסען די פרייד ביי די קליינשטעדטלדיגע וואס גאט האט זיי צוגעשיקט אזא טייערע מתנה אין דער פערזאן פון רובין אייזענבערג...

קיין אפיציעלע אויפנאהמע האט אייזענבערג ניט געקראגען, ווען ער איז אנגעקומען אין שטעדטעל. קיין רעספעקט האט מען ניט געמאכט פאר איהם. ערשטענס, ווייל דער עולם האט קיין ידיעה ניט געהאט וואס פאר אן אוצר זיי האבען אריינגעקראגען און, צווייטענס, ווייל עס איז קיין פאסענדע געלעגענהייט ניט געווען.

דורך דער שטיקעל צייט אבער וואס רובין אייזענבערג האט פארבראכט אין שטעדטעל און זיך ארויסגעוויזען אין זיין גאנצען פראכט און גלאנץ, האבען די גענאסען אין שטעדטעל אנגעהויבען שמועסען, אז עס וואלט געווען א יושר מ'זאל מאכען עפעס א מין רעספעפשאן פאר אייזענבערג'ען. בעסער שפעטער איידער קיינמאל ניט, האבען זיי זיך פארענטפערט. און אז עס האט זיך דערנעהנטערט דער טאג פון יום כיפור, איז ביי אלעמען געווען זיכער, אז דאס איז דער פאסענדסטער טאג פאר א שטיקעל יום טוב'ל לכבוד דעם נייעם מיטגליד רובין אייזענבערג.

פארשטעהט זיך, אז אלץ איז צוגעגאנגען בשתיקה, אין דער שטיל; קיינער האט ניט געטארט וויסען אויף וואס מען גרייט זיך, ווייל עס האט געזאלט זיין א מין „סירפרייז־פארטי", און איבעראשונג, פאר אייזענבערג'ען.

יום כיפור אין דער פריה זיינען אריינגעקומען צוויי יונגעלייט און גענומען שמועסען מיט אייזענבערג'ען וועגען וואכעדיגע פארטיי־ענינים און געבעטען איהם ער זאל צוגעהן מיט זיי אנקוקען א געוויסען האל, וואס זיי ווילען דינגען פאר מיטינגען.

אייזענבערג האט זיי אין גאר ניט חושד געווען און געגאנגען מיט זיי צום האל, און ווען ער איז אריינגעקומען אינוועניג און געטראפען אלעמען זיצען ביי ווייס־געדעקטע טישען פול מיט כל טוב, און נאך דער אוואציע וואס מען האט געמאכט פאר איהם, האט מען ווי מיט געוואלד איהם צוגעשלעפט צו זיין ארט — האט ער זיך אויף א געוויסען מאמענט אין גאנצען פארלארען... עס איז געווען פאר איהם אזוי אומגעריכט, אז ער האט בעת מעשה קיין ווערטער ניט געפונען וואס צו זאגען. אבער די מורא טאמער וועט ער זיין געצוואונגען צו עסען אום יום־כפור האט איהם געבראכט צוריק צו זיין באוואוסטזיין און א מורא'דיגער כעס האט אנגעהויבען זידען אין איהם געגען די מענשען וואס האבען אויסגעשפריים א נעץ פאר איהם און איהם אריינגעכאפט אין א פאסטקע.

ער איז געשטאנען לעבען זיין בענקעל, איבען־אן ביים טיש, און געווארט ביז דער טומעל האט זיך איינגעשטילט און דער גאנצער עולם איז געבליבען זיצען אנגעשטרענגט צו הערען דאס גוטע ווארט פון איהם.

דאן האט רובין אייזענבערג אנגעהויבען מיט געצעהלטע ווערטער:

— גענאסען און פריינדע: עס טוט מיר זעהר לייד אייך צו פארשטערען א שמחה און אייך זאגען איינציגע ווערטער וואס וועלען אייך זיין אפשר זעהר ניט אנגענעהם; אבער איך קען זיך ניט העלפען. איך האב דאס גאנצע לעבען מיינס אוועקגעגעבען פאר דער פראפאגאנדא פון דעם פרייען געדאנק און געדענקט, אז מיר האבען שוין עפעס מעהר אדער ווייניגער אויפגעטאן. לסוף, וואס זעה איך, צו מיין באדויערען: ראדיקאלע מענשען מאכען נאך יום־כיפור פאר א יום־טוב פונקט ווי די אלטע פאנאטיקער אדער די היפאקריטען... ממה נפשך, ווילט איהר פייערען יום־כיפור, פאר וואס זשע זאלט איהר ניט זיין קאנזעקווענט און אוועקגעהן אויף א גאנצען טאג אין שוהל אריין?... פארשטעהט זיך, מען צווינגט קיינעם ניט צו זיין א פריידענקער; אבער מען דארף דאך זיין טאלעראנט גענוג צו לאזען א צווייטען לעבען לויט זיינע פרייע איבערצייגונגען... אויב איך איז ניט געווען באקאנט מיינע אידעען און איבערצייגונגען, האט איהר ניט געהאט קיין רעכט מיר צו מאכען פאר א יום־כיפור'דיגען אידען ניט אנפרעגענדיג מיך צי בין איך איינשטימיג דערצו... עס זעהט אויס, אז נאך אט די ערפאהרונג האט מיר געפעהלט ביי אייך אין שטעדטעל...

און ער האט דעמאנסטראטיוו פארלאזען דעם האל.

טרייד און ארגאניזאציאנס-פראגען

וועגען די סעקשאן מיטינגען אין אונזער יוניאן.

איך וויל מיט דיזען בריף אפען באשפרעכען די פראגע וועגען אונזערע יוניאן מיטינגען און הערען די מיינונג פון מעמבערס פון אונזער לאקאל.

אין אונזער לאקאל איז ווייט מעהר ווי א האלב יאהר איינגעפיהרט א נייע רעפארמע, נעמליך: לויט א באשליס פון עקזעקוטיוו באארד איז אנגענומען אז אונזערע סעקשאן מיטינגען (צוויי אין צאהל) קומען פאר בלויז איין מאל א מאנאט. צווייטענס, איז אפגעשאפט די געוויינליכע פראצעדורע פון פיהרען א ביזנעס מיטינג; אפגעשאפט דעם אקט פון רעקארדינג סעקרעטער. עס ווערען ניט געשריבען און ניט געלעזען קיינע פראטאקאלען צו דער גוטהייסונג פון די מעמבערס.

די מיטינגען ווערען געפיהרט ווי פאלגט: דער טשערמאן עפענט דעם מיטינג און דער סעקרעטער פון עקזעקוטיוו באארד באריכטעט מינדליך וועגען עטליכע געשעהעניסען, גריוועגסעס און רעקאמענדיישאנס פון עקז. באארד. דער צווייטער טייל פון מיטינג באשטייט פון א באריכט פון מענעדזשער פון לאקאל וועגען פאסירונגען אין לאקאל, שאפ פראגען און אמאל אינטערלאקאלע ספעשעל פראגען. נאך די באריכטען שטעלען די מעמבערס פראגען און דעבאטירען.

די עקז. באארד און פארטרעטער פון לאקאל געפינען, אז דיזע נייע פיהרונגען פון אונזערע מיטינגען איז א פראגרעסיווע רעפארמע. אויסגעמאכט מיט דעם מאנאטאנעם פראטאקאל לעזען, מיט דעם באקאנטען פונקט ביי פונקט דעבאטירען, און אנשטאט לעזען פון בוך, קומט פאר א הארץ צו הארץ געשפרעך. די אנהענגער פון דער רעפארמע באהויפטען, אז די מעמבערס נעמען אויף א מינדליכען באריכט בעסער ווי געשריבענע און איבערהויפט דיינקען זיי אז די סעקשאן מיטינגען זיינען א מינדערוויכטיגע פראגע. אונזער מענעדזשער-סעקרעטער, בר. ברעסלאו, האט ביי א מיטינג ארויסגעזאגט זיין פעסטע מיינונג, אז דעם מעמבער'ס גריוועדעס און שאפ קאמפליינטס ווערען אמבעסטען צופרידענגעשטעלט דורך דעם לאקאלען אפיס, און ביי די שאפ מיטינגען. צו דיזע מיטינגען קומען די מעמבערס מיט חשק, ווייל דאס איז זייער ברויט פראגע. אטענדען אבער צו א לענגערען מיטינג צו פארהאנדלען לאקאל-יוניאן פראגען איז פאר דעם מעמבער א פריוויליגע זאך, צו וועלכער מען דארף דעם מעמבער ניט צווינגען, אויב ער אליין געפינט ניט קיין אינטערעס אין דעם.

איך האב אויפמערקזאם בעאבאכטעט אונזערע פריהערדיגע מיטינגען און די יעצטיגע רעפארמירטע. איך האב באטראכט די רעזולטאטען פון דיזער רעפארמע און כ'האב געלערנט די פראגע גאנץ אנדערש. ערשטענס: עס איז דער גרעסטער מיסטייק צו דיינקען, אז מיט פארענטפערען דעם מעמבער'ס שאפ פראגען איז גענוג צו איינשפארען איהם דעם פליכט צו אינטערעסירען זיך און אנטייל נעמען אין אלגעמיינע יוניאן פראגען פון ברייטערען אינהאלט. מען דארף ניט פארגעסען אז מיט יעדען יאהר פאלען ארויס און קומען צו נייע מעמבערס אין דער יוניאן. אין פארלויף פון עטליכע יאהר ווערט די מעמבערשיפ פיעל געענדערט. די נייע מעמבערס פאלען אריין אין די שעפער. ספעציעל אין דעם קליינעם שאפ, אונטער יעצטיגע קאנדיציאנען אין טרייד. דער שאפ גיט דעם נייעם מעמבער אמת דעם ערשטען לעסאן אין יוניאניזם, אבער אומאפהענגיג זיינען די שאפ אינטערעסען קליין, שמאל, עגאאיסטיש, יוען זיי זאלען ניט באלויכטען ווערען מיט דעם געדאנק אז די שאפ שטרייטען זיינען בלויז דער קליינער טייל אין אונזער יוניאן באוועגונג. דארום באטראכט איך פאר א גרויסע וויכטיגקייט די ערציהערישע באדייטונג פון סעקשאן מיטינג, וועלכער דארף געבען אונזערע אלטע ווי נייע מעמבערס די העכערע באגריפע פון סאלידאריטעט און איינינקייט פון ארבייטער אין לאקאל יוניאן און דער גאנצער אינדוסטריע.

צווייטענס, געפין איך אז איין מאל א מאנאט פאר א יוניאן מיטינג איז צו זעלטען. דער עקאנאמישער קאמף איז דער שטארקסטער פאקטאר אין דעם ארבייטער'ס לעבען. די יוניאן דארף שטענדיג זיין אויף דער וואך און האט א רעכט צו פארלאנגען פון מעמבערס אפגעבען א טייל פון זייער פרייע צייט צו פארהאנדלען זייערע אייגענע פראבלעמען. מען זייגט אן א פאקט, אז ביי דעם מעמבער איז אפגעשטומפט דער פארלאנג צו באזוכען די יוניאן מיטינגען. עס איז א אלטע קרענק. און מיט מאכען די מיטינגען זעלטענער, ווערט די גלייכגילטיגקייט נאך גרעסער. דער מעמבער דיינקט זיך, די בעאמטע וועלען שוין אלעס באזארגען. מ'דארף דיזע פארנאכלעסיגטע גלייכגילטיגקייט אויסקורירען און אררכרופען ביי די מעמבערס דעם פארלאנג פון זעלבסטטעטיגקייט.

דריטענס, באטראכט איך פאר א גרויסע עולה צו באגרענצען מיט בלויז צוויי סעקשאן מיטינגען, אין איכט בראדוויי און בראנזוויל, פאר אונזער גרויסען לאקאל פון זעקס טויזענט מעמבערס, וועלכע וואוינען אין קאמפאקטע מאסען אין מעהרערע רעזידענשאל סעקשאנס, ווי הארלעם, בראנקס, וויליאמסבורג און קוני איילאנד. א גרופע מעמבערס פון א באוואוינטען געגענד האבען דאס פולע רעכט פארלאנגען פון זייער יוניאן געבען זיי די אינפארמאציאנען וועגען דער טעטיגקייט פון זייער ארגאניזאציאן און אויך די מעגליכקייט צו ווירקען דורך דער איניציאטיווע פון יעדען מיטגליעד פאר דעם וואויל און בעסטען. יעצט האבען די גרעסטע צאל מעמבערס פון אונזער לאקאל קיין פיזישע מעגליכקייט צו באזוכען א מיטינג נאך א שווערען טאג ארבייט דאון-טאון, ווען די רייזע צום ביישפיעל פון בראנקס אהין און צוריק נעמט דריי שטונדען. נאך צוויי אדער דריי סעקשאן מיטינגען אין באקוועמע לופטיגע האלס וועט אריינטראגען מעהר לעבען אין אונזער לאקאל יוניאן.

פערטענס, האלט איך אז די אלטע קאנסערוואטיווע פיהרונג פון מיטינג זיינען נוצליכער און דעמאקראטישער ווי די נייע. לויט די נייע פיהרונגען באריכטעט דער עקז. רעקארדינג סעקרעטער מינדליך לויט זיין אייגענעם געדאנק א אויסוואהל פון א גאנצען מאנאט פארהאנדלונגען פון עקז. באארד. עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די מעמבערס קענען ניט אויפציינען ווען ער פארפעהלט א וויכטיגע פראגע אין וועלכער די מעמבערס פון מיטינג קענען זאגען א מיינונג און א דעה. איך גלויב, אז די מעמבערס האבען א רעכט צו באשליסען וועלכע פראגען זיינען וויכטיג צו פארהאנדלען און וועלכע זאלען ווערען אפגעשטימט אהן דעבאטען.

די ערפאהרונג האט געצייגט, אז מעמבערס ביי די מיטינגען טהיילען יא אפ די רוטינע פראגען פון פראגען פון באזונדער וויכטיגקייט אונטער נארמאלע צושטענדע. מעמבערס וועלען אבער איצטער האבען דעם פארדאכט, אז די עקזעקוטיווע נעמט זיך דאס אבסאלוטע רעכט צו באשליסען זאכען, אין וועלכע די מעמבערשיפ וואלט נעדארפט באטייליגען זיך מיט ראט און קריטיק. עס וועט דארום געשאפען א זא צושטאנד, אז מעמבערס פארלירען דעם אינטערעס צו זיין אקטיוו און אלס א רעזולטאט פון דעם א אלגעמיינע אבשוואכונג פאר קאלעקטיווע אקציאן. אלעס ווערט איבערגעלאזען צום באצאהלטען אדער אונבעצאהלטען בעאמטען. איך דיינק דארום, אז ס'איז ראטהזאם פאר אונזער עקזעקוטיוו באארד באטראכטען די אנגעצייכענטע פראגען און זוכען א וועג אויפצולעבען די יוניאן מיטינגען וועלכע זיינען פאר די מעמבערס זייער טרייד יוניאן שולע.

מ. סלאווין, מעמבער לאק. 35.

וועגען דר. פרייס'ס ארטיקעל איבער די סאניטאריומס.*)

ווערטער רעדאקטאר: —

אין דער „גערעכטיגקייט" פון 3טען אויגוסט איז געווען געדרוקט אן ארטיקעל פון דר. דזשארדזש מ. פרייס, אין וועלכען ער באשרייבט דעם אויסערליכען אויסזעהן פון די סאניטאריומס אין די וועסט. ער זאגט אויך ארויס א מיינונג, דאס עס האט באדארפט ארגאניזירט ווערען א פעדערישאן, וואס זאל נעמען קעיר אויף אלע אידישע טשאריטי סאניטאריומס, און ניט יעדער זאל מאכען שבת פאר זיך.

איך בין ניט אויסען צו ארגומענטירען מיט דר. פרייס, אויף וויפיל דאס וואלט געהאט א ווירקונג אויף די איינקינפטע פון די רעספעקטיווע אנשטאלטען. איין זאך בין איך זיכער, דאס דעם ארימען פאציענט'ס לאגע וואלט דורך דעם ניט פארבעסערט געווארען. דר. פרייס האט געזעהן דעם אויסערליכען אויסזעהען פון די וועסטליכע סאניטאריומס, שעהנע לופטיגע בילדינגס, ווייסע ווייסע בעטען. דאס אלעס ווארפט זיך זעהר שעהן פאר די אויגען. נאר די אנגעוויטאגטע פון פארשיידענע עפענטליכע און באמערקענדע באליידיגונגען נשמה, דאס האט דר. פרייס ניט געזעהען און ניט געקענט זעהן! אום דאס צו קענען זעהן, מוז מען זיך אויפהאלטען פאר א געוויסע צייט אין די דאזיגע אנשטאלטען און דאס אליין דורכלעבען. מיר דארפען ניט פארגעסען, אז עס האנדעלט זיך וועגען טשאריטי אנשטאלטען, וואס אויף ארויסצובריינגען אין דער עפענטליכקייט עטוואס וואס קען שאדען דעם אנשטאלט, וועט די פרעסע ניט ערלויבען. פערזענליך צו קלאגען זיך פאר די פארוואלטער בריינגט אויך קיין נוצען. דאס מיינט פארקלאגען דעם טייוועל פאר זיין מוטער. איהר וועט ניט טרעפען אין די מענעדזשמענטס פון אלע טשאריטי אנשטאלטען איין פארשטעהער פון דעם קלאס פאר וועלכען די אנשטאלטען זיינען געשאפען געווארען און וועלכע עס האלטען זיך דארטען אויף, וואס וואלט געקענט מיטפיהלען דעם ליידענדען. איהר וועט יע טרעפען פארשטייער, געהענדיג פון טיר צו טיר, פון שאפ צו שאפ, מאכענדיג פארשיידענע אפילס, פארשטייט זיך האנדלענדיג די אייגענע אינטערעסען אין זינען.

טויזענטער דאלארס ווערען צונויפגעזאמעלט פון אונזערע יוניאן ברידער און שוועסטער, און די געלדער ווערען איבערגעגעבען צו די פארשטעהער פון דעם קלאס, וואו אונזערע ליידענדע שוועסטער און ברידער האבען איבערגעלאזען זייער געזונט, אנפילענדיג די פאקעטס פון זייערע יעצטיגע טשאריטי אונטערנעמער. אויב יע א פעדערייישאן, דאן ניט קיין טשאריטי פעדערייישאן מיט באסישע פארשטעהער, נאר א פעדערייישאן פון פארשטעהער פון אונזערע אידישע יוניאנס, וועלכע וואלטען מיט דער הילף פון א קליינעם טעקס אויף זייערע מיטגלידער געקענט אויפבויען און אויפהאלטען דעם גרעסטע סאניטאריום און האום, וואו אונזערע ליידענדע יוניאן ברידער און שוועסטער זאלען זיך פיהלען ווי אין זייער אייגענעם היים.

איך וויל דא אויך באמערקען, דאס אויף מיינעם א בריף אין די „גערעכטיגקייט" מיט דעם זעלבען אינהאלט, האט דער רעדאקטאר אנגעמערקט, דאס מיר האבען ניט די טיער פאר דעם. איך וויל דא דעריבער פרעגען: ווארום פעלען אונז ניט אוים קיין טיער פאר אנדערע אונטערנעמונגען, וואס טראגען א ריין ביזנעס אונטערנעמונגס-כאראקטער, און וואס האט גאר ניט צו טאן מיט די פראגע פון ארבייטס-באדינגונגען? ווארום געפינען מיר טיער, ווען עס קומט אוים ארויפצולייגען און איינצומאנען פארשיידענע טעקסעס, ארויסצוהעלפען פרעמדע ארגאניזאציאנען און אנשטאלטען? איז דאס אלעס וואס א מעמבער קאן ערווארטען פון זיין ארגאניזאציאן, דאס אין צייט פון נויט און עלטער צו גיין נאך הילפע אין טשאריטי אנשטאלטען, און די וועלכע ער האט געהאלפען מיט געלט און געזונט, אנטייל נעמענדיג אין אונזער אלעמענס קאמף פאר בעסערע לעבענס-באדינגונגען, זאלען אויף איהם קוקען ווי אויף א איבעריגע זאך?

מיט ברידערליכען גרוס,
א. פארטנאי,
מעמבער לאק. 10,
לעדזשער נומ. 4090.

*) צוליב א געוויסע סבה איז דער בריף פארלעגט געווארען אין דער רעדאקציע, ער איז אבער ניט אלט געווארען. דער בריף איז פונקט אזוי אין צייט היינט, ווי מיט עטלאכע וואכען צוריק, און ער ווערט דעריבער פארעפענטליכט. רעדאקציע „גערעכטיגקייט".

די ריכטיגע רפואה.

ווערטער רעדאקטאר: —

ווערליג איך האב מיר אנגעלעזען אין דער „גערעכטיגקייט" די אלע דעבאטעס וועגען די דזשאבערס, מאנופעקטשורערס, סאב-מאנופעקטשורער'ס און קאנטראקטארס און קאאפערייישאנס און סקעב שעפער, האב איך געמיינט, אז אט נעמט מען זיך אנעם און מען שטעלט איין ארדנונג, אז עס זאל ניט פארקומען דאס וואס עס קומט פאר אין דעם קלאוק טרייד: אז די ארבייטער, וואס היטען אפ יוניאן קאנדישאנס, זאלען ניט דארפען הונגערן, בעת די אויבענערמאנטע מאנופעקטשורערס מאכען זייער ארבייט אין נאן יוניאן שעפער אומגעשטערט, און טראכטען זיך: „זאל מען זיך דעבאטירען און מיר וועלען זיך טאן וואס מיר ווילען".

אום צו פארשטעלען ווי דעם וועג, איז מיין עצה: 1) די דזשאבערס טארען ניט שניידען קיין ווארע און מאכען קיין סעמפעלס; 2) אין אלע שעפער, סאי פראטעקטיוו און סאי אמעריקאן אסאסיאיישן, זאלען ווערען טשערליטע אנגעשטעלט פון דער יוניאן. ווארום אז דער טשערמאן וויל, איז, אז עס שטייען 14 מאשינעס און עס ארבייטען 4 אפערייטארס, ווערען אלע מאשינעס באזעצט. דאן וואלטען אוועקגענומען געווארען די ארבייטער, וואס איבער נויט געהען זיי אין קאאפערייישאן אדער אין נאן-יוניאן שעפער ארבייטען.

נאך א ווארט. די יוניאן גייט באווארענען די סאב מאנופעקטשורערס, אז זיי זאלען ווערען גוט באהאנדעלט פון די דזשאבערס צוליב די ארבייטער וואס ארבייטען ביי זיי. איז אבער די פראגע, צי זיי וועלען באהאנדלען די ארבייטער בעסער ווי היינט?

מיט ברידערליכען גרוס,
דזשייקאבסאן,
מעמבער לאקאל 9. ל. נומ. 2186.

וועגען וואס ריידען איצט קלאוקמאכער?

ווערטער רעדאקטאר: —

באטראכטען מיר די לאגע פון אונזערע קלאוקמאכער פון דער איצטיגער צייט, געפינען מיר דאס זי איז זעהר ניט קיין גוט. לעצטען זומער האבען אונזערע קלאוק מאכער געהאט א גאנץ שלעכטען סיזאן, האט מען געהאפט, דאס די צייט וועט זיך פארבעסערען, און מען וועט אויסצאהלען זיך פאר דער שלעכטער צייט, וואס מען איז געבליבען שולדיג. ערשט האבען מיר דעם זומער ניט קיין בעסערען, אזוי אז פילע האבען זיך שוין אינגאנצען מיאש געווען. און ווען מען באגעגענט אט די ליידענדע, און מען ערקלערט זיי, דאס עס קאנען אויך קומען גוטע צייטען, אזוי ווי שלעכטע, דאן ענטפערען זיי אייך, דאס די גאנצע שולד פון שלעכטע צייטען איז די יוניאן. און אויב איהר ערקלערט זיי, דאס אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז מעגליך, דאס א געוויסע צייט קריגען מאנופעקטשורערס די אויבערהאנט איבער אונז, ווייל נאך אלעמען האבען מיר דאך ניט קיין פאלים, האט עס ניט אויף זיי די מינדסטע ווירקונג.

מיט א פאר וואכען צוריק טרעף איך מיינעם א פריינט, א גוטען יוניאן מאן, א שאפ טשערמאן. איך פרעג איהם: וואס הערט זיך עפעס, ברודער? יעס, ערקלערט ער מיר, עס איז געווען א צייט ביי מיר אין שאפ, דאס ווען עס האט זיך געמאכט עפעס טראבעל, זיינען מיר אלעמאל געווען שטרענג צו דער פירמע. אפילו ווען עס איז געקומען צו א סטאפעדזש. היינט איז אנדערש, מיין פריינד, היינט דארף א טשערמאן פון א שאפ זיין א גאנצער דיפלאמאט. ער דארף טרייען מיט פארשיידענע ארגומענטען איבערצייגען, דאס די ארבייטער זיינען גערעכט. און דאס אויך ניט אלע מאל העלפט עס. ווארום אט סטראשעט שוין, דער מאנופעקטשורער דאס ער דיינקט נאר צו ווערען א דזשאבער, אזוי ווי אלע טוען, און ווי שלעכט עס איז איצט, איז דאך בעסער צו ארבייטען אינסייד, איידער צו ארבייטען ביי א „סאב", וואו אפט איז מען ניט זיכער מיט די פארדינטע פאר דאלאר.

מיט א צייט צוריק, ערקלערט ער מיר ווייטער, זיינען געווען א צאל מענשען ביי אונז אין אונזער יוניאן, וואס האבען ערקלערט צו די מעמבערס: אויב איהר ווילט געהאלפען ווערען, דאן דארפט איהר עלעקטען נייע מענשען, און אונזערע מעמבערס האבען ביז א געוויסען גראד ערפילט זייער פארלאנג. זיי האבען אין די גרעסטע לאקאלס ערוויילט נייע מענשען, מענשען וואס זיינען ביז יעצט קיינעם ניט געווען באקאנט. וואס צייגט זיך ארויס? זייערע מענשען גיבען אליין צו, דאס זיי האבען ניט געמאכט אזא גרויסען סוקסעס. פון אלע זייערע צוזאגונגען האט זיך דערוויילע דעם מעמבערס לאגע פארערגערט.

וואס האב איך איהם געקענט ענטפערען? איך האב איהם געזאגט, אז עס קומט א נייער יאר, און אזוי ווי אונזער יוניאן האט איינגעפיהרט א דזשאבינג דעפארטמענט, וועט אונזער יוניאן געלינגען צו קריגען דעם קאנטראל איבער דעם טרייד. דאן וועט זיכער ווידער אויפלעבען אונזער באנייערונג. מיט דעם האט זיך געענדיגט אונזער געשפרעך.

בערנארד גאלוב,
מעמבער לאקאל 3.

כאשין איז אבער דער רעזולטאט פון דעם, וואס אונזערע יוניאנס זיינען געווארען זעהר גרויס, און אין אזעלכע יוניאנס בילדעט זיך מיט דער צייט אויס גאנץ נאטירליך א מאשין, וועלכע האט די גאנצע יוניאן-ארבייט אין איהרע הענט, באזונדערס, ווען די מאיאריטעט פון די מיטגלידער איז גלייכגילטיג. היינט שטעלט זיך פאר, אז די יוניאן באשטעהט ניט פון וועלכע עס איז עטליכע הונדערט אדער טויזענט, נאר פון גאנצע דריי הונדערט טויזענט, און ניט קלאוקמאכערס, קאטערס, פינישערס, פרעסערס, אפערייטארס, א. אז. וו., נאר פון נאדעל-ארבייטער, קאנט איהר זיך דען פארשטעלען, וואס פאר א שרעקליכע ביוראקראטישע מאשין ער וואלט זיך געמוזט אויסבילדען באלד? און וואלט די דאזיגע מאשין פראקטיש ניט פארניכטעט דעם גאנצען מהות פון אן ארבייטער-יוניאן? ווארים, וואס איז דען דער צוועק פון א יוניאן, אויב ניט די איניציאטיוו פון די מיטגלידער פון דער יוניאן? וואס איז עס פאר א יוניאן, אין וועלכער דער סאמע גרונד-עלעמענט איהרער — זעלבסט-הילף און געגענזייטיגע הילף — פעהלט און אלעס איז אין דער מאכט פון א ביוראקראטיע, פון עטליכע אפיס-גענעראלען?

❦

אט צו וואס די תורה פון אמאלגאמיישן מוז פיהרען אין דער פראקטיק, ווען זי זאל אמאל קאנען דורכגעפיהרט ווערען. דער איינציגער גליק איז פאר אונזערע יוניאנס, וואס דער דאזיגער כלומר'שטדיגער אידעאל קאן און וועט קיינמאל ניט דורכגעפיהרט ווערען. און מיר זיינען פון דער איבערצייגונג, אז זיינע פרעדיגער אליין ווייסען עס, אבער זיי זיינען דאך גאר ניט אויסען קיין אמאלגאמיישאן. וואס זיי ווילען איז, אנצומאכען טומעל, צומישען די ארבייטער מוחות, און שאדען דער טרייד-יוניאן באוועגונג, ניט ווייל זי וויל ניט קיין אמאלגאמיישאן, נאר ווייל זי וויל זיך ניט לאזען דיקטירען פון מענשען, וואס האבען גאר ניט געמיינשאפטליכעס מיט דער ארבייטער באוועגונג.

❦

דאס איז איין טייל פון דער פראגראם פון אונזערע נייע משה'ס, וואס האבען צו אונז אראפגענידערט פון בארג סיני — מיר מיינען פון מאסקווע. זיי האבען אבער אין זייער סטאק אין טרייד נאך א גוואלדיגע פאדערונג. זיי ווילען איינפיהרען די סיסטעם פון שאפ-דעלעגאטען אין די יוניאנס, און זיי ערקלערען עס, אלס די איינציגע הילף פאר די יוניאנס. געוויס איז עס פונקט אזא קאמאפלאזש-פאדערונג, ווי די אמאלגאמיישאן. די דאזיגע פראגע איז גאנץ גרינדליך דיסקוטירט געווארען אויף דער לעצטער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל. עס איז אין דער דאזיגער דיסקוסיע גאנץ קלאר געווארען, ווארים א יוניאן, וועמעס פונדאמענטאלער פרינציפ איז די פולסטע דעמאקראטיע אין אלע איהרע פיהרונגען, קאן בשום אופן ניט צולאזען צו דער דאזיגער סיסטעם, וועלכע שליסט אויס די גרעסטע מאיאריטעט פון דער מעמבערשיפ פון צו קאנען האבען איהר דעה אין אלעם וואס איז נוגע דער יוניאן. אבער וועגען דעם און אנדערע אזעלכע תורות, אין אנדער מאל.

די „טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג" מוז באקעמפט ווערען!

פון אב. באראף

דזשענעראל סעקרעטאר-טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאנאל.

צוזאמען א גרופע, האט קאנספיראטיוו מיטינגען מיט מענשען, וועלכע האבען ניט קיין שייכות מיט אונזערע טריידס און יוניאנס. און ניט נאר באשטימט מען דארטען אלגעמיינע פאליסים פאר דער יוניאן, נאר מען פרובירט דארטען אויך ערוועהלען די פארשיידענע נויטיגע קאמיטעס פאר דער יוניאן. די מעמבערס פון דער יוניאן איגנארירט מען; אויף באשליסע פון די מעמבערס טרעט מען מיט די פיס; ערוועהלען די מעמבערס אזעלכע און אזעלכע אין די עקזעקיוטיוו באארדס, קומען די „ליגס" מיט באהאלטענע מיטינגען און מאכען אזעלכע מאנעווערס, אז דער גאנצער אויסוואהל פון די מעמבערס ווערט א „פארס". דאס וואס זיי, די „ליגס", באשטימען געהיימערהייד ווערט דורכגעפיהרט! אין נאך ערגער — זיי פארערען פון די ערוועהלטע באאמטע צו זיין פאראנטווארטליך צו זיי, צו די „ליגס", ניט צו דער יוניאן. זיי ווילען, אז די באאמטע זאלען פאלגען זיי, די געהיימע „ליגס", די אפאזישאן יוניאנדלאך, ניט די מעמבערס פון דער יוניאן!

וואס קען זיין דער רעזולטאט פון דעם?

איין רעזולטאט — די הארץ פון די יוניאנס, די סאלידאריטעט פון די ארבייטער, ווערט צושניטען, געמיין און ניידערטרעכטיג צושניטען.

איצט פארגלייכט די פראפאגאנדא פון די „ליגס" מיט דער פראפאגאנדא פון אלע ביז-איצטיגע סקעב-אגענטורען און אפאזישאן-יוניאנלאך, וואס מיר האבען געהאט אין די פריהערדיגע יאהרען.

דיזעלבע פראפאגאנדע, דיזעלבע שפראך. מיר קומען, אלזא, צום שלוס, אז אויך דער ציל איז דער זעלבער.

צוברעכען די יוניאנס — דאס איז זייער ציל.

וואס, באמת, קען שוין אונזער אינטערנעשאנאל זאגען וועגען דער שעדליכקייט און שענדליכקייט פון דער גאנצער חברה, נאך דעם בלבול אויף אונז, אז מיר האבען געדונגען גענגסטערס צו ערמארדען פאסטער'ן? דער פאסטער-ספעקטאקעל אין שיקאגא, און דער אונאויפהערליכער געשריי פון זיין חברה, אז די אינטערנעשאנאל האט געפלאנעוועט מארד, האט געמאכט א פארזוך דורכצופיהרען א מארד — דאס איבערשטייגט דאך שוין אלץ!

ניין, ניט קיין אינדירעקטע פראוואקאטארס זיינען זיי, נאר איינפאך — באוואוסטזיניגע פראוואקאטארס.

ניט קיין „טרוימער", וואס זיינען אינדירעקט שעדליך צו דער פראקטישער ארבייט פון די יוניאנס, זיינען זיי, נאר איינפאך: — אן עקלהאפטע, אונעהרליכע חברה.

עס איז ביי פילע געווען א געדאנק, אז די פארשיידענע כארטען קאמוניסטען, וועלכע האבען זיך פארנומען מיט אטאקעס אויף אונזערע יוניאנס, זיינען „עהרליכע, גוט-מיינענדע מענשען", נאר מחמת קיין פראקטישע ארבייט אין די יוניאנס האבען זיי קיינמאל ניט געטאן, איז דערפאר מעגליך, אז זיי זאלען טאקע מיינען, אז אונזערע יוניאנס זיינען ניט „רעוואלוציאנער גענוג" און אז די פיהרערס פון אונזערע ארגאניזאציאנען זיינען „ביוראקראטען". מען האט עס צוגעשריבען צו דער אונוויסענהייט פון די קאמוניסטישע שרייבער וועגען דעם, וואס עס איז די אויפגאבע פון א יוניאן, און ווי אן ארגאניזאציאן קען זיך איבערהויפט פיהרען.

מ'האט טאקע געזעהן ווי די שענדליכע טעטיגקייט פון די קאמוניסטען גראבט אונטער דעם פונדאמענט פון די יוניאנס, צורייסט די ארבייטער-סאלידאריטעט; אבער מ'האט אלץ געמיינט, אז דאס איז נאר „אן איבערגאנג" אזא. די מענשען וועלען קומען צו באזינונג, האט מען געטראכט. זיי וועלען זיך ארומזעהן און אליין האבען חרטה אויף דאס, וואס זיי האבען געטאן. אזוי, יעדענפאלס, האבען פילע געמיינט, און אנשטאט צו ברענען אויף זיי מיט צארן, האט מען אין מאנכע קרייזען פון אונזער באוועגונג געקוקט אויף זיי מיט רחמנות.

אבער איצט איז קלאר, קלאר פאר אלעמען, קלאר פאר יעדען, אז די גאנצע חברה איז אן אונעהרליכע באנדע; אז זיי מיינען טאקע באמת צו צוברעכען, איינגאנצען פארניכטען אט די יוניאנס, וועלכע ווילען זיך ניט לאזען באהערשען פון זיי אדער קארמענען זיי מיט דאניישאנס.

אזא נידעריג געזונקענע חברה, וואס האט זיך איצט אנגעזעצט אויף דער ארבייטער-באוועגונג, האבען מיר ביז איצט ניט געהאט אין די אלע קעמפע, וואס די ארבייטער-באוועגונג האט אין פארלויף פון איהר געשיכטע געהאט מיט פארשיידענע יוניאן-ברעכער.

עס איז שטארק און ביטער גערעדט, אבער עס קומט פון צארן, פון א ברענענדען צארן, ווייל די חברה יוניאן-ברעכער וויקלען זיך איין אין „פרינציפען" און „פרייהייטס-אידעאלען".

איך בין מוחל דעם בלעקמעיל אין זייערע בלעטלאך. אבער די „ליגס", די זאגענאנטע „עדיוקיישאנאל ליגס" — זיי זיינען דאך אפאזישאן-יוניאנלאך, וועלכע צילען צו פארניכטען אלע ביז-איצט אויסגעקעמפטע בעסערע ארבייטס-באדינגונגען פאר די ארבייטער אין די שעפער!

די ערפאהרונג פון אונזער אינטערנעשאנאל האט אונז איבערצייגט מיט אונווידערשפרעכליכע פאקטען וואס פאר א געפאהר די „ליגס" זיינען פאר אונזערע ארגאניזאציעס. עס נעהמט זיך ניט אזוי די פארפיהרטע, די נאכלויפער, די מיטשרייער, ווי טאקע די פיהרער זייערע, די רעדנער זייערע.

איך מאך, דא אן עפענטליכע באשולדיגונג!

דאס, וואס זיי רעדען פון „אידעאלען" און „רעוואלוציעס" — דאס איז נאר א צירעק. זייער אמת'ע אבזיכט איז אן אונעהרליכע, א פראוואקאטארישע.

זיי באניגענען זיך ניט מיט שרייבעריען — זיי לאזען ארויס בילדער, ווי דער „אונשולדיגער" פאסטער שטעהט „מעשה אידעאליסט" און האלט א רעדע, און פון א פינסטערען ווינקעל רוקט זיך ארויס די אינטערנעשאנאל מיט מעסערס און רעוואלווערען און זוכט דעם „אידעאליסט" פאסטער צו ערמארדען.

אויף אזא נידערטרעכטיגע שטיקעל ארבייט זיינען נאר פעהיג פראוואקאטארס — און דאס וואס זיי זיינען!

און זיי טוען נאך זייער שווארצע געמיינע ארבייט מיט א ציניש'ען שמייכעלע — זיי זיינען נעבאך גאט די נשמה שולדיג.

אונזער אינטערנעשאנאל האט זיך אונטערנומען צו באזייטיגען די חברה. מיר האבען שוין געהאט „סילקעס-גענגס" געגען אונז; מיר האבען שוין געהאט אנדערע פראוואקאטארס אויף אונז. מיר זיינען פון זיי אלעמען פטור געווארען, און אונזער גלויבען אין דער אינטעליגענץ פון אונזערע מעמבערס איבערצייגט אונז, אז מיר וועלען אויך פטור ווערען פון דער איצטיגער „ליג"-חברה, פון דער פאסטער-חברה.

אזוי פיל בלוט און טרעהרען האבען די יוניאנס געקאסט אונזערע גרויסע מאסען; אזוי פיל קרבנות האבען די ארבייטער געבראכט; אזוי פיל הונגער און פארפאלגונגען האבען מיר אלע, וועלכע האבען געסטרייקט און געקעמפט און געבויט יוניאנס, געהאט אויסצושטעהן; און דאס וועט אונז ביישטעהן אין דעם קאמף אויסצוראטען אויך די נייע פראוואקאטארס, מעגען זיי קריגען הילפע פון וועלכען עס איז טונקעלען ווינקעל; מעגען זיי זיך וויקלען אין דער רויטער פאהן; עס וועט זיי נארניט העלפען. די רויטע פאהן איז פארשמוצט געווארען אין זייערע הענט; דער אויסדרוק: רעוואלוציע איז דורך זייערע ליפען ביליג געווארען; אליין האבען זיי צוטראטען די הייליגטימער, אין וועלכע זיי האבען זיך א צייט לאנג געוויקעלט: זיי שטעהען איצט אין זייער גאנצער העסליכער נאקעטקייט אלס פראוואקאטארס, און ווי צו אזעלכע וועלען מיר זיך באציהען צו זיי.

מיר האבען זיי דערקענט — און מיר וועלען זיי פארטרייבען פון יעדען ערענהאפטען פלאץ.

די טויזענדער און טויזענדער מיטגלידער פון אונזער ארגאניזאציאן וועלען אונז אין דעם העלפען.

אפפערוויליג העלפען!

תשרי-לידער

פון אל. גוריה.

1

ווי אויגען וואלטען דורך דער שווארצע שויב געקוקט אויף מיר.
כ'וואלט שווערען, אז דאס זיינען לעצטע זומער טעג,
וואס קומען זיך געזעגענען מיט מיר
און רופען איך זאל געהן מיט זיי
אין ווייטען וועג, אין ווייטען וועג.

די נאכט איז אבל'דיג און ס'טרויערט איהר שווארץ פארשפרייטע קלייד.
און נאר איהר איינגעשרומפענקייט, וואס קארטשעט זיך פאר שרעק
זוכט צו באהאלטען זיך אין איהר צעריסען קלייד.
און ווארענט, ווארענט, רופט מיך אויך
אין ווייטען וועג, אין ווייטען וועג.

ביי טאג איז איבער מיר, אויף ווייטע-ווייט, דער וואלקען-צוג,
פונקט ווי א גלות-פאלק אין וואנדער וועג.
פונקט ווי א ווייט-געיאגטער גלות-צוג,
ציהט שטיל און טראגט מיין הארץ אויך מיט
אין ווייטען וועג, אין ווייטען וועג.

2

די הייזער שטעהען צונויפגעטוליעטע און שטומען.
עס רוהט אויף זיי דאס קאלטע אויג פון האלבער נאכט.
די גאס, ווען כ'געה צו דיר איז איצט מיט שטילקייט דורכגענומען
נאר ווייט פאהרט ווער... האלטסטו דאס איצט צו מיר אין קומען,
צי גאר אנטלויפסטו אין דער שוויגענדיגער נאכט?

זיי שטיל איצט הארץ. ס'קען זיין איך וועל איהר קול דערהערען,
איהר בליק דערזעהן, איהר הויז; אן אפענע וועט זיין די טיר,
און ווידער וועט די שעהנע צייט זיך אונז דערפרעהט אומקעהרען.
דאך ס'פאהרען דארט אין ווייט, עס וויל ניט נעהנטער ווערען; —
מיר דוכט, עס בלאנדזשעט, זוכענדיג דעם וועג צו מיר.

די שטילע נאכט, וואס הינטער מיר איז נאכגעגאנגען,
זי לאזט מיך איצטער א פארבענקטע געהן אליין.
דערצעהלט מיר פון א ליכט, וואס איז פון שאטען-טול פארהאנגען
און פון א גליק, וואס האט געזוכט פאר מיר א ציל דערלאנגען,
נאר האט פארלוירען זיך אין שטומער נאכט אריין.

3

הערסט, ווינטען וואיען אינ'ם נאכטיגען דרויסען?
זיי ווילען די נאכט איבערקערען.
מיר דוכט, דאס מאכען זיי אזוי, איך זאל דיין קול ניט דערהערען.
איך מאך די אויגען צו,
איך שטעל די אויערען אויס —
איך — הער — ניט...
אט הערט אויף דאס וואיען; ס'האט נאכטיגער דרויסען
ניט געלאזט זיך צושטערען.
טוט באנק: געדארפט אינ'ם ווינטען-נאכט דיין ריידען דערהערען.
מיין קאפ זאגט — יא
מיין הארץ — דאס אייגענע: —
איך וואלט דערהערט.

אט ווייקט שוין א רעגען איין די נאכט. ווען ניט דער רעגען,
וואס צווינגט די נאכט צעשוואומען ווערען,
וואלט איצט דאך זיין אויף מיינע הענט און פנים דיינע טרערען.
איך מאך די אויגען צו,
איך שטעל די הענט ארויס,
איך — פיהל — ניט.
דער דרויסען שווייגט שוין איצט: ס'האט נאכט פון רעגען
ניט געוואלט צעשוואומען ווערען.
טוט באנק: געדארפט דערקענען אינ'ם רעגען דיינע טרערען.
מיין קאפ זאגט — יא!
מיין הארץ — דאס אייגענע: —
איך וואלט דערקענט....

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. V. No. 38. New York, Friday, September 21, 1923.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

אמאלגאמיישאן.

אין געדאנק, מיט'ן קאפ מאכען מיר ניט קיין אונטערשייד צווישען מענש און מענש, צווישען פאלק און פאלק, צווישען ראסע און ראסע. אין געדאנק בילדען אלע מענשען מיט אלע זייערע פארשיי־דענהייטען איין מענשהייט, אין נאמען פון וועלכער מיר קעמפען און פאר וועמעס גליק מיר זיינען בארייט זיך מקריב צו זיין. און צו אלע צייטען זיינען גע־ווען גוטע און גרויסע מענשען, וועלכע האבען געגלויבט, אז פונקט, ווי אין געדאנקען דענקען מיר פון איין מענש־הייט, אזוי האט אויך באדארפט און געקענט זיין אין דער ווירקליכקייט. די מענשען, כדי זיי זאלען קענען לעבען, ווי מענשען, באדארפען ניט אפגעטיילט ווערען איינע פון די אנדערע דורך אלער־ליי מחיצות. איין מענשהייט, דעריבער קען און דארף זיין איין גלויבען פאר אלע, איין שפראך פאר אלע, איינע און די זעלבע מנהגים פאר אלע. די מענ־שען האבען זיך גערופען מיט דעם נא־מען קאסמאפאליטען, זיי האבען גע־טראכט, געטרוימט ניט פון אן ארדנונג און פיהרונג פאר דעם אדער יענעם לאנד, פאר דעם אדער יענעם פאלק, נאר פאר דער גאנצער מענשליכער וועלט.

*

די מענשען זיינען געווען די ער־שטע אמאלגאמיטניקעס.

*

זייער כונה איז געווען די בעסטע. זיי האבען געוואלט זעהן א סוף צו דעם ברודער־קריג, פון וועלכען די מענשען האלטען אין איין פארבלוטען. זיי הא־בען געגלויבט, אז „א מענש איז א מענש", צו וועלכער ראסע ער זאל ניט געהערען, און וועלכען לאנד ער זאל ניט געבארען ווערען, און זיי האבען געזעהן אין דער צוטיילונג פון די מענשען אין ראסען, אין פעלקער דעם ווארצעל פון אלע מענשליכע צרות. זיי האבען בא־טראכט די פארשיידענע אונטערשיידונ־גען צווישען מענש און מענש פאר מעהר אויסערליכע, ווי אינערליכע. דאס, וואס איינעמס הויט איז שווארץ, א צווייטענס ווייס, א דריטענס קופער־עהנליך, דאס איז א קלייניגקייט. אין הארצען, אין פיהלען און דענקען, אין האנדלען זיינען אלע מענשען גלייך. טו צו וואס די מחיצות? זיי האבען דארום אין זייער גרויסער באגייסטערונג פראקלא־מירט דעם קאסמאפאליטיזם, אין וועל־כען אלע פעלקער, אלע נאציאנען זאלען צוזאמענגעשמאלצען ווערען און ווערען איין מענשהייט דורך די איינפיהרונג פון איין ארדנונג פאר אלע גלייך, פון איין און דעמזעלבען גלויבען, פון איין שפראך פאר אלע.

וואס די מענשהייט וואלט געוואונען פון דעם — וועגען דעם קען מען נאר ספעקולירען, ווייל אין דער פראקטיק איז דער דאזיגער אידעאל אפילו אויף א קור־צע ווייל ניט דורכגעפיהרט געווארען. גענוג וועט זיין דא צו זאגען, אז דער־ווייל האלט דער דאזיגער אידעאל אין ווערען אלץ מעהר און מעהר פאררוקט אין הינטערגרונד. זעלטען־ווען טרעפט איהר איצט א מענשען אן אויסגעשפרא־כענעם קאסמאפאליט. און ניט, ווייל דער אידעאל איז א צו ווייטער, צו הויי־כער, נאר פארקעהרט, ווייל כמעט אל־געמיין הערשט דער געגענגעזעצטער גע־דאנק, אז די מענשליכע קולטור וואלט פיל פארלארען, ווען דער קאסמאפאלי־טישער אידעאל וואלט געקענט פאר־ווירקליכט ווערען.

*

די מעהרסטע דענקענדע מענשען פון אונזער צייט זיינען פון דער מיינונג, אז יעדעס פאלק דורך זיין אייגענארטיג־קייט, טראגט ביי נאר א היבשען חלק צו דעם אלגעמיינעם קולטור־אוצר פון דער מענשהייט, און דאס, וואס די פאר־שיידענע ראסען און פעלקער וואלטען דורך וועלכען עס איז פראצעס געקענט פארשמאלצען ווערען אין איין מענש־הייט, וואלט די מענשליכע קולטור, דער מענשליכער פראגרעס דורך דעם פיל, פיל געליטען.

*

יע, די „אמאלגאמיטניקעס", וואס האבען געגלויבט, אז מען קען פון אלע פעלקער מאכען איין גרויס פאלק, פאר־שמעלצען אלע מענשען אין איין גרויסע מענשהייט, זיינען כמעט ווי אין גאנצען פארשוואונדען. די מעהרסטע דענקענדע מענשען באטאנען נאר דאס כאראקטע־ריסטישע, דאס אייגענארטיגע אין יעדער נאציאן, אין יעדען פאלק, און ווי קליין און ווי אינבאדייטענד עס מעג זיין די קולטור פון א פאלק, דאך ווערט אנער־קענט פאר יעדען דער פרינציפ פון „זעלבסט־באשטימונג", וועלכער איז גע־ווען איינער פון די לאזונגען פון דער וועלט־מלחמה. און כאטש אין דער פראקטיק ווערט דער דאזיגער פרינציפ פארשוועכט אויף שריט און טריט פון אונזערע מאכט־האבער, אבער די מעהר־סטע פארטגעשריטענע מענשען זיינען פון דער איבערצייגונג, אז כדי א פאלק, ווי קליין און ווי פרימיטיוו עס מעג זיין, זאל קענען זיך ענטוויקלען קערפערליך און גייסטיג, און פון זיין זייט בייטרא־גען צו דעם אלגעמיינעם אוצר פון קול־טור, ציוויליזאציע, מוז מען איהם לאזען אליין באשטימען זיין אייגענעם שיקזאל. און מען האלט עס פאר א פארברעכען, ווען א גרויס, שטארק פאלק צווינגט ארויף זיין יאך, זיין הערשאפט אין נא־מען פון פראגרעס, אויף אזא שוואך פאלק.

*

נאר, צו עס איז טאקע אזוי גוט, צו ניט — דאס איז מאמענטאן ניט וויכ־טיג. וויכטיג איז, דאס די טענדענץ פון אונזער צייט איז אזא. עס ווערען ניט וואס ווייניגער פעלקער, וואס ווייני־גער באזונדערע לענדער, נאר וואס מעהר. און אפילו די גרויסע נאציאנען, אום צו בלייבען אויסערליך אזוי מעכטיג, ווי זיי זיינען געווען, זיינען געצוואונגען צוריקצו־געבען זייערע פארשיידענע פעלקער, וואס זיינען ביז איצט געווען פארשמאלצען אין זיי, זייער אומאפהענגיגקייט, זייער רעכט פאר זעלבסט־באשטימונג. ווארים, ווען ניט, וואלטען זיי זיך אין גאנצען אפגעריסען פון זיי.

*

עס איז דארום אונבאשטרייטבאר, אז די אמאלגאמיישאן־פראפאגאנדע פאר איין גרויסען וועלט־פאלק האט זיך אויס־געלאזען מיט גארניט. דער רעזולטאט אין דעם ווירקליכען לעבען איז פונקט דער היפוך פון דעם, וואס די קאסמא־פאליטען האבען געטרוימט. אן איינ־פאכער ביישפיל, וואס קומט פאר טאג־טעגליך פאר אונזערע אויגען, וועט קלאר מאכען, ווארום דער אידעאל פון די אמאלגאמייטניקעס האט געמוזט זיך אויסלאזען, אלס א פוסטער חלום. נעהמט אזא שטאדט, ווי ניו יארק, א גרויסע וועלט־שטאדט, וואו מענשען פון די פעלקער פון דער גאנצער וועלט ארביי־טען צוזאמען, האנדלען צוזאמען. און דאך איז קיין סימן ניט צו זעהן פון דעם פראצעס פון אמאלגאמיישאן. די איטאליענער וואוינען אין זייער קוואר־טאל, די כינעזער אין זייערען, די אידען אין זייערען און ז. וו., און ז. וו. נאך מעהר, אפילו די מיטגלידער פון איין פאלק גופא האבען זייערע פארשיידענע ווינקלען. אזוי טרעפט איהר, למשל, אידען פון דער ליטע מעהרסטענס לעבען אין איין ווינקעל פון שטאדט, גאליציא־נער אידען אין אן אנדער ווינקעל, און די פוילישע אידען אין אן אנדער ווינ־קעל.

*

און ווארום זאל עס אנדערש זיין? יעדער ציהט צו זיינע לאנדסלייט, וועמען ער קען, וועמען ער פארשטעהט, און וועלכע קענען און פארשטעהען איהם בעסער, ווי די אנדערע אידען. צווישען זיינע לאנדסלייט פיהלט ער זיך אין דער היים. צווישען אנדערע, כאטש אויך אידען, אבער ניט אזעלכע, ווי ער, פיהלט ער זיך פרעמד, איינזאם און, פאלגליך, ניט גאנץ באקועם.

*

צוליב דעם טעם האבען מיר דא אזא גערעטעניש פון פארשיידענע לאנדסלייט־פאראיינען, לאדזשען, שולען א. ז. וו., א. ז. וו. וויפיל איהר וועט זיי ניט פרעדיגען דעם אידעאל פון פארשמעלצען זיך אין כלל ישראל, פון אמאלגאמיי־שאן, וועט איהר עס ביי זיי ניט אויס־פיהרען. ווארים אין דער פארשמעלצונג ווערען זיי אויפגעלייזט, פארשוואונדען אין דעם כלל, און זיי, מענשען, לעבע־דיגע מענשען, ווי זיי זיינען, ווילען ניט פארשווינדען; זיי ווילען זיך מיט עט־וואס ארויסווייזען, און זיי פיהלען, אז

דאס קענען זיי טאן אם בעסטען אין זייער פאראיין.

*

געוויס וועלען גאנץ ווייניגע האבען דאגעגען, אז ווען עס גילט אויפצוטאן עפעס פאר דעם גאנצען כלל אידען, זא־לען זיי פאראייניגען זייערע כחות פאר דעם באשטימטען צוועק. אבער די דא־זיגע פאראייניגונג מיינט ניט די אויפ־געבונג פון זייער אינדיווידואליטעט, פון זייער פערזענליכקייט. זיי פאראייניגען זיך, אום אויפצוטאן א געוויסע ארבייט, אבער זיי פארשמעלצען זיך ניט, זיי ווערען ניט איינגעוואנדעלט אין עטוואס אנדערעס, וואס זיי זיינען, ווי דאס פא־סירט, למשל, ביי דער פארשמעלצונג פון צוויי מעטאלען.

*

און איצט, אז מיר האבען, ווי אונז דוכט זיך, גאנץ קלאר געמאכט, וואס מיינט אייגענטליך אמאלגאמיישאן, קע־נען מיר בעסער פארשטעהן און אפשע־צען די זאגענאנטע אמאלגאמיישאן־פא־דערונג פאר אונזערע טרייד־יוניאנס.

*

יעדער טרייד־יוניאן שטעלט מיט זיך פאר אין מיניאטור א קליין פאלק, וואס האט מעהר אדער ווייניגער איינע און די זעלבע אינטערעסען, איינע און די זעלבע לעבענס־ערפאהרונגען, אין איין און דעם זעלבען געדאנקען־גאנג. עס איז געוויס ניט קיין צופאל, וואס די ארבייטער פון א געוויסער אינדוסטריע האבען זיך פאראייניגט, אום צו באשי־צען זייערע אינטערעסען. עס האט דאך אנדערש גארניט געקענט זיין. די שוס־טער האבען גאנץ נאטירליך זיך פאר־אייניגט אין א שוסטער־פאראיין, ווייל זיי האבען אלע געארבייט ביי איין און דער זעלבער ארבייט, אינטער איינע און די זעלבע מייסטער, מעהר אדער ווייני־גער אונטער די זעלבע באדינגונגען. דאס האט זיי במילא געבראכט נאהענט איינע צו די אנדערע. די פאראייניגונג פון א שוסטער און א שמיד און א בעל־עגלה וואלט דאך געווען גאנץ צוועקלאז. ווייל וואס וואלטען זיי געקענט אויפטאן מיט זייער פאראייניגונג? וועלכע געמיינ־שאפטליכע אינטערעסען, אויסער גאנץ אונבאשטימטע, אלגעמיינע אינטערעסען, וואלטען געקענט זיין דער צעמענט, וואס זאל זיי צוזאמענהאלטען? דערפאר טא־קע האבען פון אנפאנג אן אזוי שנעל, ווי די ארבייטער האבען אנגעהויבען אויסגעפינען, אז „אין פאראייניגונג איז מאכט", האבען זיי זיך פאראייניגט, לויט זייער טרייד, אין וועלכען זיי זיי־נען געווען באשעפטיגט: שוסטער הא־בען געבילדעט זייער פאראיין, זייער טרייד־יוניאן, שניידער זייערען, שמידען זייערען. דאס איז ניט געווען עטוואס, וואס א שלעכטער, פארדארבענער קרעפט־יוניאניסט, ווי סעמועל גאמפערס, האט אויסגעטראכט, אום צו העלפען די קאפיטאליסטען אין זייער ווידערשטאנד געגען די ארבייטער! נאך עס האט אנ־דערש ניט געקענט זיין. און אפילו שפעטער, מיט דער ווייטערדיגער ענט־וויקלונג פון די אינדוסטריען, ווען עס האט זיך ניט גענויטיגט א גאנץ באזונ־דערע קענטשאפט פון דער מלאכה, דאך האט דער קאמאשען־שטעפער זיך גיכער פאראייניגט מיט אנדערע קאמאשען־שטעפער, ווי מיט די קלאוקס־אפריי־טארס. אמת, א קאמאשען־שטעפער קען לייכט ווערען א קלאוקס־אפרייטאר, און דער קלאוקס־אפרייטאר קען לייכט ווע־רען א קאמאשען־שטעפער. אבער אזוי לאנג, ווי דער קאמאשען־שטעפער בלייבט ביי זיין מלאכה, און דער קלאוק־מאכער ביי זיינער, האבען זיי דאך צווישען זיך גאנץ ווייניג געמיינשאפטליכעס, וואס זאל קענען זיי צוזאמענהאלטען אין איין יוניאן.

*

און טאקע דערפאר זיינען די טרייד־יוניאנס ביז היינטיגען טאג אין אלע אינ־דוסטריעלע לענדער פון דער וועלט גע־בליבען די זעלבע קרעפט־יוניאנס, ווי זיי זיינען געווען אין סאמע אנפאנג. נאטיר־ליך, איז עס גאנץ ווידערזיניג, אז די אר־בייטער, וועלכע ארבייטען ביי פארשיי־דענע טיילען פון שוסטעריי, זאלען געהע־רען צו גאנץ פארשיידענע יוניאנס. אבער פונדעסטוועגען האט יעדע טייל ארבייטער זיין לאקאל, וועלכער גיט זיך אפ ספעציעל מיט דער אויפפאסונג אויף די אינטערע־סען פון די דאזיגע ספעציעלע ארבייטער, וואס געהערען צום לאקאל.

*

נעמט, למשל, די קלאוקמאכער יוניאן. זי איז איין גרויסע יוניאן, צו וועלכער אלע קלאוקמאכער געהערען. אבער כדי די בעלי מלאכות אין זייערע פארשיידענע פאכען זאלען אם בעסטען קענען באשי־צען זייערע ספעציעלע אינטערעסען, הא־בען זיי זייערע גאנץ באזונדערע לאקאלס, און אזוי זיינען דא: אן אפערייטאר לא־קאל, א פינישער לאקאל, א פרעסער לא־קאל, א קאטער לאקאל, אן עקזאמינער לאקאל, א. אז. וו. פרובירט, למשל, זא־גען צו די פינישער און פרעסער און אפע־רייטארס און עקזאמינערס, אז זייערע בא־זונדערע לאקאלס מיט זייערע באזונדערע עקזעקוטיוון, מענעדזשערס און ביזנעס איידזשענטס זיינען איבעריג; דאס זיי וואלטען געקאנט שפארען א סך געלט, ווען פון אלע לאקאלס וואלט געווארען איינער, וועלען זיכער די פארגעשריטענסטע צווי־שען זיי אייך באטראכטען פאר משוגע, יעדער איינער פון זיי וועט אייך ערקלע־רען, אז די פארשיידענע לאקאלס זיינען פשוט וויכטיג, ווייל נאר אין זייערע לא־קאלס קאנען זיי קעמפען פאר זייערע אינ־טערעסען, וועלכע זיי פארשטעהען אם בעסטען.

*

דאס אלעס איז ניט דער רעזולטאט פון דער חכמה פון אן איינצעלנעם מענ־שען, נאר פון א לאנגער, לאנגער לעבענס ערפאהרונג. פארשיידענע עקספערימענ־טען זיינען געמאכט געווארען, אבער זיי אלע האבען זיך אויסגעלאזען מיט גאר־ניט, ווייל זיי האבען ניט גענומען אין אנבאטראכט די גאנץ נאטירליכע מענש־ליכע נייגונג צו פאראייניגען זיך מיט די פון זיין מין, פון זיין ארבייט. און מעג דער ארבייטער זיין ווי קלאסען באוואוסט, און מעג ער זיך באטראכטען אלס „סאל־דאט פון דער סאציאלער רעוואלוציע", דאך אין זיין טאג־טעגליכען לעבען וועט ער פאראייניגען זיך מיט די, מיט וועמען ער קומט טאג־טעגליך אין בארירונג, אפילו דאן, ווען זיי זיינען מיט איהם נאר ניט איינפארשטאנען אין פילע הינזיכטען.

*

נון, קומען איצט מענשען מיט דער כלומר'שט נייער תורה פון „אמאלגאמיי־שאן". אנשטאט דעם, וואס מיר האבען איצט אן אינטערנעשאנאל פון ארבייטער פון דאמען־קליידער, אן אינטערנעיישאנאל פון ארבייטער פון מענער־קליידער, אן אינטערנעיישאנאל פון ארבייטער, וואס מאכען אלערליי קעפס, אן אינטערנעיישא־נאל פון פוטער־ארבייטער, אנשטאט דעם ווילען זיי האבען איין יוניאן פון נ א ־ ד ע ל ־ א ר ב י י ט ע ר, אין וועלכער די קלאוקמאכער זאלען אויפהערען צו עקזיס־טירען, אלס קלאוקמאכער, די מענער־שניידער, אלס אזעלכע, די קאפענמאכער, אלס אזעלכע, א. אז. וו. זיי ווילען הא־בען איין גרויסע יוניאן פון נ א ד ע ל ־ א ר ב י י ט ע ר, מאכט ניט אויס, ביי וואס פאר אן ארבייט זיי ארבייטען מיט דער נאדעל.

*

איז דאס אבער ניט דער גרעסטער אונזין? וואלט זיך דא געהאנדעלט אום צו גרינדען א דעבאטיר־קלוב פאר פאר־שיידענע טעארעטישע, אקאדעמישע פרא־גען, וואלט עס ווירקליך געווען גאנץ מעג־ליך פאר א קאפענמאכער, א קלאוקמאכער און א מענער־שניידער זיך צוזאמענצוקו־מען און דעבאטירען. אבער ווי באלד דא האנדעלט זיך אום טאג־טעגליכע קעמפע פאר באשטימטע אינטערעסען, וועלכע זיינען אם בעסטען באקאנט די, וועמען עס איז נוגע, טא ווי קאן מען נאר ערווא־רטען, אז אזא סארט יוניאן זאל קאנען ווען עס איז פונקציאנירען? לאמיר עס מא־כען גאנץ קלאר דורך א ביישפיל. די קא־פענמאכער זיינען ניט צופרידען מיט זיי־ער לאגע, ווילען זיי ארויסגעהן אין סטרייק, און דאך קאן עס פאסירען, אז די מענער־שניידער זאלען צוליב זייערע אינטערעסען זאגען די קעפמייקער: ניין, איהר קאנט ניט סטרייקען. מיר האל־טען די צייט פאר ניט פאסענד. מיר גע־הען אליין האבען א סטרייק, וועלכער איז וויכטיגער, און מיר ווילען ניט איהר סטרייק זאל זיך פלאנטערען צווישען די פיס. ווי וועלען די קאפענמאכער זיך פיה־לען דאן? וועט ניט ביי זיי אנטשטעהן די גרויסע פראגע, אויב זיי זאלען נאר אין גאנצען געהערען צו אזא ארגאני־זאציע?

*

ווידער אנגענומען דער פאל, אז די קעפמייקער וועלען בלייבען א באזונדער טייל פון דער אמאלגאמיישאן, און זיי וועלען האבען זייער לאקאל, וואו זיי וועלען קאנען באשטימען, וואס און ווי צו טאן אין א געגעבענעם מאמענט, דאן איז עס דאך שוין ניט מעהר קיין אמאלגא־מיישאן, איז עס דאך פראקטיש דאס זעל־בע, וואס מיר האבען איצט. ווארים, ווי מיר האבען ערקלערט, מיינט אמאלגאמיי־שאן די פארשווינדונג פון קעפמייקער, קלאוקמאכער, מענער־שניידער, אלס אזעלכע, נאר זיי ווערען אלע נאדעל־ארביי־טער; ווי באלד אבער אין דער אמאל־גאמיישאן גופא בלייבען די קעפמייקער, די קלאוקמאכער, די מענער־שניידער ביי זייערע פריהערדיגע גאנץ באשטימטע באזונדערע אינטערעסען, ווערט די אמאל־גאמיישאן ניט מעהר ווי א ווארט, אהן אירגענד וועלכען אינהאלט.

*

א חוץ דעם, וואלטען מיר געוואלט, אז אונזערע לעזער זאלען באטראכטען נאך עטוואס. מיט א געוויסען מאס פון רעכט ווערט פארגעווארפען אונזערע יוניאנס די שלעכטע ווירקונג פון דער „מאשין", וואס האט זיך געבילדעט אין זיי; גאנץ אפט ווערט די מאכט פון דער מאשין מיס־ברויכט, און די אינטערעסען פון דעם איינצעלנעם לידען גאנץ באדייטענד. די

טישע טראגעדיע איז פארפאסט געווא־
רען, ארויסגעקומען בלאס, בלוטלאז,
אזוי, אז מיר צווייפלען כמעט, אויב
פילע פון די צושויער האבען גאר גע־
האט די מינדעסטע אהנונג ביים און
נאך דעם שפילען, צוליב וואס דער פאר־
פאסער האט געשאפען די דאזיגע „ראָ־
מאנטישע טראגעדיע".

אחוץ דער מיידעל, דער „פלאפער"
פון פערטען יאהרהונדערט, און יוסי דעם
אמיראי, זיינען דא אין דער דאזיגער
ראמאנטישער דראמע נאך איינציגע פער־
זאנען, וועלכע זיינען נויטיג געווען, לויט
דעם פארפאסער, פאר דער האנדלונג.
דאס איז ר' יוסי'ס פרוי און דער נזיר.
עס איז זעהר שווער צו זאגען עטוואס
באשטימטעס וועגען דער פרוי, וועלכע
הייסט יתא. איין זאך איז קלאר:
זי האט פיינט איהר מאן און זיין גאט.
אבער זי האט פאר איהם שרעקליך מורא.
עס שיינט אויך, אז זי איז אין הארצען
געווען א געצענדינערקע. ווי אזוי ר'
יוסי האט עס ניט אויסגעפונען מיט זיין
שארפען אויג, ווייסען מיר ניט. אויך
איז דארט דא א נזיר; איז אנשטאט
צו ליגען ערגעץ אין וואלד, איז ער גאר
אן אפטער אריינגעהער ביי ר' יוסי'ן.
ער געפינט עס דעם מערדער. ער איז
עס דער, וואס וויל צוזאמענברענגען דעם
געליבטען מיט זיין געליבטער. בקיצור,
ער איז דער ליז אין דער ראמאנטישער
טראגעדיע, די אינטריגירענדע ניאנקע,
און, ווי עס ווייזט אויס, דער איינצי־
גער, וואס האט קנאפ־וואס מורא פאר
דעם מורא'דיגען ר' יוסי. אבער צו
וואס מען דארף איהם אין דער דאזיגער
טראגעדיע, זיינען מיר ביי זיך ניט קלאר.

דאס גאנצע מאכט א זעהר שוואכען
איינדרוק. פאר דער גאנצער צייט פון
שפילען הערשט א גאנץ געדריקטע שטי־
מונג. זי פאנגט זיך אן מיט א מארד
און ענדיגט זיך מיט א מארד. מיר קע־
נען ווירקליך ניט פארשטעהן, פאר וועל־
כע מעשים טובים די פיעסע איז אויפ־
געפיהרט געווארען. זאל עס זיין דער־
פאר, ווייל סעמיועל גאלדענבורג, וואס
שפילט די ראליע פון יוסי, האט א פאר
איינדרוקספולע מאמענטען, און וועלכער
ער שפילט דעם סווענגאלי פון פערטען
יאהרהונדערט, און ווען ער האט א גע־
לעגענהייט צו ווייזען זיך אין זיין גאנ־
צער אימפאזאנטער געשטאלט? מוני
ווייזענפריינד האט געשפילט די ראליע
פון דעם נזיר, בירנבוים האט געשפילט
די ראליע פון דעם אונגליקליכען פארליב־
טען, וואס האט ערמארדעט זיין ליבעס־
קאנקורענט, הערר מאליז; מרס. טאביאס
האט געשפילט די ראליע פון ר' יוסי'ס
פרוי, און מעי סיימאן האט געשפילט די
ראליע פון אורזילא, דער פארפיהרערי־
שער שעהנהייט פון 4טען יאהרהונדערט.
זיי אלע זיינען גאנץ גוטע אקטיארען;
אבער אין די ראליען, וואס זיי האבען
געהאט, האט קיינער פון זיי ניט געקענט
ארויסווייזען אויף דאס מינדעסטע זייע־
רע פעהיגקייטען, אלס קינסטלער.

א שאד, וואס אזוי פיל מיה סיי פון
שרייבער, סיי פון די אקטיארען איז
פארווענדט געווארען אויף גארניט.

ד ע ר ק ר י ט י ק ע ר.

די רעאַקציע און די אויסניכטערונג

פון א. זעלדין

די איבערקערענים אין שפאניען איז
נאר אן איבעריגער באווייז, אז די אל־
טע, שוין אפגעלעבטע קייזער־אינסטיטו־
ציע איז גארניט אזוי אומשעדליך, ווי
מאנכע ווילען גלויבען.

גו, געוויס, עס איז דער רעזולטאט
פון דער נאך מלחמה רעאקציע, וואס
איז געווען אומפארמיידליך. עס פיהרט
זיך געוויינליך, אז נאך יעדער גרויסער
קאטאסטראפע קומט א רעאקציע. אזא
רעאקציע איז געקומען נאך די נאפא־
לעאנישע מלחמות און דעם מאל האט
זיך די געשיכטע בלויז ווידערהאלט. און
אויב די רעאקציע איז אן אלוועלטליכע,
ווארום זאל שפאניען זיין אן אויסנאם?
אויב די רעאקציע בושעוועט אומגע־
שטערט אין אונגארן, איטאליען, בייערן
און בולגאריען, ווארום זאל זי אויך
ניט אויסברעכען אין שפאניען, אדער
אין אן אנדער מדינה?

דאס איז, אלזא, זעהר קלאר און
נאטירליך. וואס מיר האבען דא גע־
וואלט באריהרען איז דעם מערקווירדי־
גען צוזאמענטרעף, אז די רעאקציע איז
שטארקער גראד אין יענע וואס הא־
בען אויף דער שפיץ פון זייערע רעגיי־
רונגען א מאנארך, אדער אין אזעלכע
לענדער וואו די מאנארכיסטישע טענ־
דענצען זיינען זעהר שטארק. מיר ווי־
לען אויפמערקזאם מאכען אויף דעם אז
די ראלע פון די מאנארכען אין די
רעאקציאנערע אויסברוכען איז גארניט
אזוי אומשולדיג און אומשעדליך, ווי עס
זעהט אויס פון אויבען אויף.

נעהמען מיר איטאליען אלס א ביי־
שפיעל.

די פרעסע בכלל און די ליבעראלע
פרעסע בפרט האט אויסגעקליבען מו־
סאליני פאר איהר שעיר לעזאזל. די
גאנצע שולד פון דער איטאליענישער
איבערקערענים ווארפט מען נעבאך אויף
דעם ארימען מוסאליני. ער ווערט גע־
האלטען פאראנטווארטליך פאר דאס
אפשאפען פון די קאנסטיטוציאנעלע
פרייהייטען אין לאנד. ער ווערט גע־
האלטען פאראנטווארטליך פאר דעם
לעצטען איבערפאל אויף גריכענלאנד און
פאר דער געפאהר פון א נייער וועלט־
מלחמה.

דער איטאליענישער קעניג, וויקטאר
עמאנועל, פון דער צווייטער זייט, ווערט
אלעמאל כמעט ווי אידעאליזירט. ער
ווערט ארויסגעשטעלט פאר א שעהנעם
ליבעראלען מענשען, כמעט א דעמא־
קראט. מען באגעגענט גאנץ אפט באַ־
מערקונגען אין צייטונגען און זשורנא־
לען, אז וויקטאר עמאנועל וואלט באמת
געווען צופרידען זיך אפזאגען פון זיין
קעניגליכער קרוין און וואלט זיך באנוי־
גענט מיט דעם אמט פון א פרעזידענט
און אנדערע אזעלכע זאכען.

דאס איז אבער זעהר ווייט פון אמת.

עס פארשטייט זיך, מיר ווילען דא
ניט געהן פארטיידיגען מוסאליני. עס
איז איבעריג אויך צו זאגען אז מיר זיי־
נען ניט איינפארשטאנען מיט זיינע מע־
טאדען. איין זאך גי'ז אבער נויטיג
צו האבען אין זינען, אז ער ווערט גע־
מאלען שוין צופיעל שווארץ ווי ער איז.
מוסאליני איז געוויס ניט דער העלד,
ווי ער ווערט ארויסגעשטעלט פון די
שווארצע כחות פון רעאקציע. אלע,
וואס ווייסען איהם, אדער האבען געהאט
א געלעגענהייט צו באקענען זיך מיט
איהם, האבען פון איהם ארויסגעטראגען
דעם איינדרוק פון א גרויסען שוואכ־
לינג און פייגלינג, וואס איז ניט זי־
כער מיט זיך און מיט אלע ארומיגע,
און וואס ציטערט אפילו פאר זיין איי־
גענעם שאטען. פון דער צווייטער זייט
איז ער אויך ניט דער שווארצער טיי־
וועל, ווי ער ווערט געמאלען פון דעם
ראדיקאלען לאגער. ניכער פון אלץ איז
ער א קרבן פון יענע קרעפטען, וואס
נוצען איהם אוים פאר זייערע צוועקען
און וואס באהאלטען זיך הינטער זיינע
פלייצעס. אימיצער האט געדארפט טאן
די שמוציגע ארבייט און דער גורל איז
געפאלען אויף מוסאליני. אן אנדערער
וואלט עס געקאנט טאן פונקט אזוי גוט
אדער פונקט אזוי שלעכט.

דאסזעלבע איז ווארשיינליך אויך
ריכטיג וועגען דעם נייעם העלד פון רע־
אקציע, קאפיטאן גענעראל פרימא רי־
ווערא, וואס האט געמאכט די איבער־
קערענים אין שפאניען. ער איז איצט
דער צענטער פון אלוועלטליכען אינטע־
רעס. אויף זיין קאפ שיטען זיך די
ברכות פון אלע די וואס וואלטען וועל־
לען אז די וועלט זאל זיך אומקערען
צום מיטעלאלטער און די קללות פון
די, וואס וואלטען וועלען זעהן א בעסערע,
שעהנערע און מעהר מאדערנע וועלט.
דער שפאנישער קעניג, פון דער צוויי־
טער זייט, ווערט ארויסגעשטעלט ווי א
מין קרבן פון אומשטענדען, אלס א
מענש וואס קאן זיך ניט העלפען און
מען טוט מיט איהם וואס מען וויל.
וויל דער דיקטאטאר פאנאנדערלאזען
דעם פארלאמענט, שרייבט ער אונטער
א דעקרעט פאנאנדערלאזען דעם פאר־
לאמענט. וויל דער דיקטאטאר ער זאל
איהם איבערגעבען די גאנצע אדמיניסט־
ראטיווע מאכט און זיין באפעהל זאל
זיין געזעץ, גיט ער איהם איבער די גאנ־
צע מאכט. אליין איז דער קעניג, אזוי
צו זאגען, אינגאנצען א זייטיגער מענש,
אזוי ווי ער וואלט זיך אינגאנצען ניט
געמישט אין פאליטיק.

דער איינדרוק איז אבער אינגאנצען
א פאלשער. אפילו עס זאל זיין אמת,
אז די באטרעפענדע קעניגען זיינען
באמת אינגאנצען גלייכגילטיג און פא־
סיוו צו דער גאנצער געשיכטע, איז דאס
אבער זיכער ניט אמת וואס אנבאלאנגט
דער קעניג אינסטיטוציע בכלל. קעני־
גען, ווי אלע מענשען, ווערען געבוירען
און זיי שטארבען, אבער די אינסטיטו־
ציע איז א שטענדיגע.

און אין דער רעאקציע, וואס איז
באפאלען אזא גרויסען טייל פון איי־
ראפא, אויב זי האט א שטרעבען און א
זין, איז עס — ווי מיט אומגעפער
הונדערט יאהר צוריק — איינצופיהרען
צוריק די אינסטיטוציע פון אומפאר־
אנטווארטליכער און אומבאשרענקטער
אויטאקראטיע. דערפאר זעהען מיר,
אז אזוי שנעל ווי אן איבערקערענים
קומט פאר אין א לאנד, ווערען גלייך
אפגעשאפט די קאנסטיטוציאנעלע בא־
שרענקונגען, אדער קאנסטיטוציאנעלע
פרייהייטען. אויף דער פרעסע ווערט
גלייך אנגעטאן א שלאס, די ראדיקאלען
ווערען גלייך איינגעשפארט אין תפיסה
און די גאנצע באפעלקערונג ווערט טע־
ראריזירט צו פאלגען בלינד און אהן
קיינע פראגען.

עס ווערען געוויינליך אנגעגעבען
אלערליי אויסריידען, ווי עקאנאמיע,
ניכטערקייט, דאס אפשאפען פון קא־
רופציע און עהנליכע שעהן קלינגענדיגע
פראזען. אבער דאס איז ניט דער
טיפער צוועק. דער צוועק איז — אוי־
טאקראטיע.

דער קעניגטום האט א גרויסע סימ־
באלישע באדייטונג און די אויטאקרא־
טיע פון קעניג מיינט אויטאקראטיע
אין אלע געזעלשאפטליכע באציהונגען
בכלל. אויטאקראטיע אין קעניגליכען
הויף מיינט אויך אויטאקראטיע ביי
יעדען איינעם אין פאבריק, אדער ווערק־
שטאט, אדער שטוב. דערפאר זעהען
מיר ווי די מאדערנע אינדוסטריאליס־
טען זיינען פאר פאליטישער אויטא־
קראטיע. זיי זיינען דערפאר ניט אויס
ליבע צו דער זאך, נאר ווייל זיי פאר־
שטעהען אז פאליטישע אויטאקראטיע
מיינט אויך עקאנאמישע אויטאקראטיע.
ווען איהר שאפט אפ דעם פארלאמענט
קענט איהר אויך אפשאפען טרייד־יו־
ניאנס. ווען די פרעסע איז פארצאמט
קען מען אונטערדריקען סטרייקס מיט
אייזען און בלוט.

דאס איז געווען איינענטליך דער
צוועק פון דער איטאליענישער איבער־
קערענים און דאס איז אויך זיכער דער
צוועק פון דער שפאנישער. אין איטא־
ליען האט די איבערקערענים געמאכט
כלומרשט א פריוואטע ארגאניזאציע,
ווערענד אין שפאניען האט עס געטאן
די ארמיי. אין ביידע לענדער האבען
אבער די „רעוואלוציאנערען" אויסגע־
נוצט זעהר פיעל טריישאפט און אפילו
אונטערטעניגקייט צום קעניג. אין שפא־
ניען האבען דאס געטאן זיינע נאהענט־

(שלוס אויף זייט 13).

דער זיידענער אומגליק

(פעליעטאן)

פון לעבעדיגען.

איין אומגליק ברענגט
מיט זיך א צווייטען.

די גרויסע ערד־ציטערניש אין יא־
פאן איז אודאי א גרויסער אומגליק,
אבער געה ווייס אז ער וועט ברענגען
מיט זיך נאך אן אומגליק און אפשר
אויך ניט קיין קלענערען.

דעם נייעם אומגליק קען מען רופען
זיידענער אומגליק.

די וואס ווייסען וועגען זייד־האנדעל,
באהויפטען, אז צוליב דער ערד־ציטער־
ניש וועט יאפאן ניט קענען צושטעלען
אונז קיין זייד.

און דאס איז ניט קיין קלייניגקייט:
אהן זייד פון יאפאן וועט זיין זעהר ווינ־
ציג זייד אויפ'ן מארק און דערפאר וועט
מען מוזען צאהלען טייערער פאר זייד,
און דאס מיינט א גרויסער אומגליק.

די זיידענע קליידער און זאקען פון
אונזערע אידישע פרויען, ווייבער און
געליבטע וועלען זעהר טייער קאסטען.
און דאס מיינט אז אין אונזערע מאנס־
בילשע קעשענעס וועט ווערען נאך א
גרעסערער חורבן ווי איצט.

און דאס אלץ איז דער רעזולטאט
פון דער גרויסער ערד־ציטערניש אין
יאפאן.

א שרעקליכער רעזולטאט.

מעגליך, אז אויך די קריסטליכע
אמעריקא וועט דערפון ליידען. אבער
איך האב אין אויג אונזערע אידישע
אינטערעסען.

אפשר שפילט ביי זיי זייד אויך
א גרויסע ראלע — ביי די רייכע, ביי
די הויך־פענסטערדיגע נעווים. אבער
אויף אונזער אידישער גאס שפילט זייד
א ראליע אויך ביי די ארימע, ביי די
ארבייטער־מאסען.

ווייל וואס איז א אידיש מיידעל פון
אטוירני סטרים און פון פים און רידזש
סטרים אהן זייד?

זייד איז א גרויסער לעבענס־פאק־
טאר ביי אונז.

א זיידען פרויען־קלייד שפילט איצט
ביי אונז מעהר א ראליע ווי א זיידענע
נשמה.

א מיידעל אין זיידענס אנגעטאן איז
מעהר ווערט אויף אונזער שדוכים־מארק
ווי א מיידעל אין א פראסט קליידעל
און א פראסטער בלוזקע.

היינט וואס איז מיט די זיידענע
זאקען?

ווייסט איהר דעם כח פון זיידענע
זאקען אויף דער אידישער גאס?

ביי אונז זיינען פרויען־פים אליין
ניט גענוג צוציהונגס־קראפט, מען דארף
5 און 6 דאלארדיגע זיידענע זאקען
אויף זיי.

און דערפאר ברענגען זיך אוים אזוי
אונזערע ארבייטער־מיידלאך אויף זייערע
זאקען. אפט גיבען זיי אוועק א העלפט
פון זייער וואך ארבייט פאר זיידענע
זאקען.

און אפילו מיר, ארבייטער־מאנסבי־
לען, וואס זיינען מיר אהן די זיידענע
העמ־דער?

אמאל האבען געשפילט ביי אונז א
ראליע זיידענע יונגע־לייט אהן זיידענע
העמ־דער. היינט, פארקעהרט. שפילען די
הויפט־ראליע די זיידענע העמדער אהן
די זיידענע יונגע־לייט.

אבער איצט וועט זיין ביטער: איך
זארג זיך ניט פאר די רייכע; זיי וועי־
לען צאהלען טייערער פאר זייד און וועי־
לען קריגען. אבער אונזערע ארבייטער־
מיידלאך, וואו וועלען זיי נעהמען אויף
זייד?

איצט וועט אויסקומען פשוט אפצו־
ארבייטען א גאנצען סעזאן פאר א פאר
זיידענע זאקען...

שלעכט.

געה ווייס, אז די ערד־ציטערניש אין
א ווייטען יאפאן וועט טרעפען אזוי
שרעקליך, אזש ביי אונז אויף דער איסט
סייד.

און אז די גרויסע איבערקעהרעניש
אין לאנד פון מיקאדא וועט מאכען אזא
איבערקעהרעניש אויף אונזער גרענד
סטרים.

און איז דאס ניט נאך א באווייז,
אז די גאנצע וועלט איז ווי איין
שטאט, ווי איין אומגליק?

און איהר פארשטעהט, יאפאן אליין
וועט שנעל קומען צו זיך און זיך
טרייסטען אהן זייד. אבער אונזערע
זיידענס־טראגערינס, ווי וועלען זיי קו־
מען צו זיך? ווער וועט זיי טרייסטען?

אויב חס וחלילה א אידישע טאכ־
טער פון גרענד סטרים אין העכער וועט
מוזען ארוים אין גאס, אהן זיידענע
קליידער און אהן זיידענע זאקען, וועט
עס זיין א סך א גרעסערער חורבן ווי
חורבן יאפאן.

און דערפאר שלאג איך פאר: מען
זאל גלייך רופען א קאנפערענץ פון דער
גאנצער אידישער ארבייטער באוועגונג:
א ז י י ד ע ן - ק א נ פ ע ר ע נ ץ.

און דארטען זאל מען באשליסען,
אדער אליין זיך נעהמען צום זייד־האנ־
דעל און פארקויפען זייד צו אלע יוני־
יאן־טעכטער אויף קאסט־פרייז, אדער
עפענען א גרויסען קאנסטרוקציאן רע־
ליף־פאנד פאר יאפאן, מיט דעם באַ־
דינג, אז די פאראומגליקסטע מדינה זאל
זיך וואס שנעלער שטעלען אויף די פים
און זיך גלייך נעהמען פאבריצירען זייד.
ווען ניט, גלויב איך, וועט זיין ניט
גוט...

זומער־היים ניט ווייט פון ניו הייווען, אויף דעם
ברעג פון לאנג איילענד סאונד. מיר האבען איהם
געפונען אין א פיל בעסערען צושטאנד, ווי מיר
האבען ערווארט. ער איז שוין דאן, ווי עס איז,
אראפגעקראכען פון זיין קראנקען־בעט, און האט
ארויסגעוויזען דעם ווארימסטען אינטערעס אין
אלץ, וואס איז נוגע די ארבייטער־באוועגונג. מיר
האבען פארבראכט מיט איהם און מרס. פייגענ־
בוים איבער א שטונדע, — און האבען איהם פאר־
לאזען אונטער'ן איינדרוק, אז כאטש גענ. פייגענ־
בוים איז קערפערליך זעהר אפגעשוואכט, אבער
גייסטיג איז ער נאך אלץ דערזעלבער פייגענבוים,
וועלכער האט זיין גאנצען לעבען געווידמעט צו דער
אויפקלערונג פון די ארבעטער, צו דער פארבעסערונג
פון זייער לאגע, העלפענדיג מיט אלע זיינע גרויסע
גייסטיגע פעהיגקייטען בויען דאס, וואס מיר
האבען איצט. זאל דא נאך צוגעלייגט ווערען, אז
מוטיג ווי עס קעמפט גענ. פייגענבוים פאר זיין
לעבען, העלפט איהם אבער אויך איז דעם מיט
דער העכסטער איבערגעבענהייט זיין פרוי, זיין
לעבענס־חבר, מרס. פייגענבוים. און ווען גענ.
פייגענבוים וועט, ווי מיר אלע האפען, קומען ווי־
דער צו זיינע אמאליגע קערפערליכע קרעפטען,
וועט ער דערפאר האבען צו דאנקען ביז צו א
גרויסען טייל דער מוסטערהאפטער געטריישאפט
און איבערגעבענהייט פון מרס. פייגענבוים.

דאנקען א ביזנעס איידזשענט פון די קלאוקמאכער יוניאן.

מיר, די ארבייטער פון מינץ און
מאשקאוויטץ שאפ, גועסט 63טע סטרים,
באדאנקען זעהר אונזער ביזנעס אייד־
זשענט, ברודער ווארשאווסקי פאר זיין
גוטער ארבייט וואס ער האט אונז גע־
האלפען דורכפירען דעם סטרייק.

מיט אכטונג,

די קאמיטע:

מאקס פרידמאן, שאפ טשערמאן.
סעם הוירש, קאפלאן, ציטפער,
דזשייק פרידמאן.

אין טעאטער

דער הייליגער טיראן: א ראמאנטישע טראגעדיע אין פיער אקטען פון ה. סעקלער, אייפגעפיהרט אונטער דער דירעקציע פון זיגמונד וויינטרויב אין אירווינג פלייס טעאטער.

ה. סעקלער, אלס דראמאטורג, איז כמעט ווי א פנים חדשות אויף דער אידישער בינע. אין גאנצען איז עס זיין צווייטע פיעסע, וואס ווערט געשפילט. לעצטען סיזאן האט מען אויפגעפיהרט זיין ערשטלינג „יזכור". די דאזיגע פיעסע האבען מיר פארפעהלט צו זעהן. דערפאר איז פאר אונז זיין „הייליגער טיראן" די ערשטע פיעסע, און, צוליב דעם, גאנץ נאטירליך, האבען מיר ניט געקאנט קומען אין טעאטער מיט צוגרייטע פארורטיילען. ווארים מען קען איינער באווייזען זעהר פיל דראמאטישע פעהיגקייטען, אבער אזוי לאנג ווי ער איז ניט באקאנט מיט דער סצענע, מיט אלע איהרע פארדערונגען, זיינען געוויסע פעהלערן אונפארמיידליך. און אויך איצט נאך דעם, ווי מיר האבען שוין געזעהן די דאזיגע טראגעדיע, זיינען מיר ניט בארייט ארויסצוקומען און אפזאגען דעם לעבען — מיר מיינען, אלס דראמאטורג — דעם פארפאסער פון דעם „הייליגען טיראן". פארקערט, מיר ווילען האפען, אז דער פארפאסער וועט ערשט ארויסווייזען דאס שעהנע, דאס קינסטלערישע אין זיינע שפעטערע שאפונגען. אבער מיר מוזען זיין אפענהערציג און זאגען, אז מיר זיינען פיל מעהר אנטוישט, ווי מיר האבען ערווארטעט.

כדי צו שאפען א דראמע, אן ערנסטע דראמע, און ה. סעקלער איז, קענטיג, א שרייבער, וואס נעמט זיך גאנץ ערנסט, מוז איהר פארפאסער צוערשט האבען א געוויסען געדאנק, וואס ער וויל דורך איהר ארויסברענגען; דאן מוז ער גוט קענען די מענשען, וועלכע דינען איהם אלס די אויסדריקער פון דעם געדאנק; דאן פארשטעהן גוט דעם גייסט פון דער צייט, אין וועלכער די דראמע שפילט זיך אפ.

דאס זיינען די גרונד-עלעמענטען פון יעדער ערנסטער דראמע. צו דעם דארף דארף דער פארפאסער באזיצען א שעהנעם סטיל, א גאנץ געזונטען הומאר, און דארף פארשטעהן די גרויסע קונסט, ווי צו פאראינטערעסירען דעם צושויער אזוי, אז ער זאל זיך ניט לאנגווייליגען די פאר שטונדען, וואס ער פארברענגט אין טעאטער.

פון אלץ, וואס מיר האבען אויסגערעכענט, וואס איז נויטיג פאר דער באשאפונג פון א דראמע, האט אונזער פארפאסער ארויסגעוויזען דורך זיין איצטיגער ארבייט, אז ער האט געהאט א געדאנק, און א זעהר וויכטיגען געדאנק. אלעס אנדערע פעהלט אין זיין איצטיגער ארבייט אין גאנצען.

דער געדאנק פון דער דראמע איז, אז פאר אן אמת-גלויביגען, אין וואס זיין גלויבען זאל ניט באשטעהן, איז קיין זאך ניט צו הייליג, צו ליב, צו טייער, אז ער זאל ניט בארייט זיין עס מקריב צו זיין פאר זיין גלויבען. דער גלויבען איז פאר איהם דאס סאמע העכסטע.

דער געדאנק איז געוויס ניט קיין נייער; אויך איז עס ניט דאס ערשטע מאל, וואס ער דינט א דראמאטורג, אלס דראמאטישע טעמע. דער געדאנק איז ווירקליך גוטע דראמאטישע שטאף, און וועט נאך לאנג טאן זיין דינסט פאר פארשיידענע דראמאטורגען און נאוועליסטען, און ה. סעקלער האט געהאט דאס פולסטע רעכט ארויסצוברענגען דעם דאזיגען געדאנק אויף זיין שטייגער. די פראגע איז נאר, אויב זיין שטייגער אפעלירט שטארקער צו אונזערע געפיהלען, ווי די פארשיידענע דראמען, וועלכע האבען גענומען דעם דאזיגען געדאנק פאר זייער הויפט טעמע.

נעמען מיר למשל, „אונזער גלויבען" פון שלום אש. עס איז ניט איינע פון זיינע בעסטע דראמען, אבער דער געדאנק פון דער דראמע איז קלאר און ווערט אויסגעדריקט אין האנדלונגען פון ל ע ב ע ד י ג ע מענשען, פון מענשען פון פלייש און בלוט. ווער, וואס האט אמאל געזעהן דיזע פיעסע, קאן פארגעסען לייזער, דעם פערד-הענדלער, זיין זון פנחס, דעם שיינעם אנטעק, זיין טאטען סטאק, און אלע, אלע אנדערע? ווער וועט זיך ניט דערמאנען מיט א גאנץ באזונדערען פארגעניגען אן די באגעגענישען אין וואלד צווישען אנטעק און זיין געליבטער אסתרקען, און זייערע געשפרעכען, און דאס רינגען זיך צווישען די מחותנים, און דעם פארשלאג פון דעם גאספאדארוש סטאק, און און לייזער'ס ענטפער. און דאן און די אלע ווייטערע סצענעס און סצענעריען, וואס זיינען אזוי פיל מיט זאפט, מיט שעהנקייט און לעבען? אמת, דער גלויבען פון לייזער'ן, דעם פערד-הענדלער, איז א נאאיווער; דער גלויבען פון א דארפס-מענש. אבער ער איז דערפאר ניט אויך א האר ווייניגער שעהן. פארקערט, ער קומט נאך אויס שעהנער, וואס נאאיווער, וואס תמימות'דיגער ער איז.

דער זעלבער געדאנק דרינגט דורך זיין ביבלישע דראמע „יפתח'ס טאכטער". און אז איהר ווילט, געפינט איהר דעם זעלבען געדאנק, כאטש שוין אין א גאנץ אנדער פארם, אויסגעדריקט אין זיין „גאט פון נקמה".

און דער געדאנק מאכט א טיפען איינדרוק אויף די לעזער פון די דאזיגע דראמען, פונקט ווי אויף די צושויער, ווייל עס ווערט ניט דערצעהלט אין זיי גלאט א באבע מעשה, אין וועלכע נאר נאאיווע קינדער קאנען גלויבען. ניין, איהר זעהט בחוש די גרויסע מאכט פון גלויבען; איהר זעהט, ווי שטארקע מענשען, יעדער אויף זיין שטייגער, אפפערען זיך און דאס ליבסטע פאר זייער גלויבען, ניין, איהר זעהט, ווי דער דאזיגער גלויבען מאכט זיי ערשט פאר די שטארקע מענשען. דערפאר האבען אט די דראמען אזא שטארקע אומפארגעסליכע ווירקונג אפילו אויף די ניט-גלויביגע. דער ניט-גלויביגער פיהלט א סארט קנאה אט צו די מענשען, וואס קאנען זיין אזוי שטארק דורך און מיט זייער גלויבען.

און דעם זעלבען געדאנק געפינט איהר אויסגעדריקט אין די פארשיידענע דראמען און „אוריעל'ן פון אונזערע גרעסטע וועלט-דיכטער. אלזא, דער געדאנק איז ניט קיין נייער. אבער דאס מיינט ניט, אז ה. סעקלער האט ניט געטארט זיך באנוצען מיט איהם פאר דער באשאפונג פון א נייער דראמע. ער האט עס אודאי געמעגט, ווען ער האט נאר געוואלט. די פראגע איז נאר, צי האט ער פאר'ן צושויער ארויסגעבראכט דעם דאזיגען געדאנק אזוי קלאר, אזוי ברייט, ווי זיינע פארגענגער, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, אז פון איהם, אלס שפעטערען, האבען מיר א רעכט צו פאדערען עפעס מעהר, ווי אלעס, וואס מיר האבען ביז איצט געזעהן!

און אונזער ענטפער מוז זיין, אפענהערציג געזאגט, אז ה. סעקלער האט געוואלט, שטארק געוואלט ארויסברענגען פאר אונז דעם געדאנק, אבער עס האט איהם געפעהלט דער נויטיגער כח דערצו.

אין יוקרת לעבט יוסי, אן אמורא אין ארץ-ישראל. האט ער ביי זיך א גאנצע ישיבה מיט תלמידים, מיט וועמען ער לערענט תורה. חוץ זיינע תלמידים, האט ער אויך א פרוי און אן איינציגע טאכטער. ביידע, די פרוי און די טאכטער, ריידען וועגען איהם, ווי וועגען א טיראן. מיט וואס ער האט זיך ביי זיי פארדינט דעם נאמען „טיראן", ווייסען מיר ניט. אין זיינע באנעמונגען, אין זיינע האנדלונגען, ווייזט ער עס ניט ארויס. די תלמידים זיינע פארגעטערען איהם. נאר זיין ווייב ציטערט פאר איהם. אויך זיין קליין מיידעל רעדט אלץ וועגען איהם, ווי וועגען דעם טיראן. הערט מען די דאזיגע קליינע מיידעל רעדען, קאן מען קוים גלויבען, אז אזוי זאל קאנען רעדען א מיידעל פון פערטען יאהרהונדערט אין ארץ-ישראל. גיכער רעדט זי ווי א היינט-מאדישע „פלאפפער", א יונג ניט דערבאקען מיידעל, וועלכע האט זיך אנגעלייענט מיט א פאר ביכלאך וועגען פרויען-פרייהייט, סאפראזשיזם און נאך אזעלכע אידעען. איהר קאקעטירען מיט די תלמידים איז אויך זעהר מאדערן. איהר מיינונג וועגען זיך, וועגען איהר פארפיהרערישער מאכט אויף דעם מין מאנסביל, קלינגט אויך זעהר מאדערן. און אזוי האבען מיר די ארץ-ישראל סצענערי צוזאמען מיט א מאדערנער „פלאפער" פון אונזער סאמע לעצטען שנים.

נאר דאס מוחל, און לאמיר איבערגעהן צום ספור המעשה. איז אט אין די דאזיגע מיידעל פארליבען זיך צוויי תלמידים. מיט איינעם קאקעטירט זי, דעם צווייטען האט זי, דאכט זיך, ליב. קומט פאר א סצענע, אין וועלכער זי קאקעטירט מיט איינעם פון די תלמידים טאקע פונקט, ווי אונזערע מיידלאך אין ניו יארק, אין שיקאגא, און וואו ניט. הערט עס דער צווייטער תלמיד, וועמען זי האט טאקע באמת ליב. ווערט ער שטארק אייפערזיכטיג, עס קומט פאר צווישען זיי א קריג, און דער, מיט וועמען די מיידעל קאקעטירט, ווערט דערשטיקט פון דעם צווייטען. די מיידעל קוקט דורך דעם פענסטער אויף דעם מארד, און זי ווערט פשוט פארברענט פון ליבע צום מערדער. ער וויל זיך אין אלץ מודה זיין פאר זיין רבי, אבער זי לאזט איהם ניט. עס העלפט אבער ניט. פון ר' יוסי, דעם אמוראי אין ארץ ישראל, דעם געטליכען מאן, דעם, וואס קען איינעם הרג'ענען בלויז מיט זיין בליק, קען דער מערדער זיך לאנג ניט אויסבאהאלטען. דער מערדער ווערט ארויסגעטריבען, און ר' יוסי זאגט איהם אן, אז ער זאל זיך קיינמאל מעהר ניט ווייזען אין זיין הויף, ווייל דאן וועט עס זיין זיין לעצטער גאנג אין זיין לעבען.

די ליבע איז אבער שטארקער, ווי דער טויט; די מיידעל רופט איהם און ער קומט. ער בלייבט ליגען א טויטער, נאך א פריינדליכען געשפרעך מיט ר' יוסי. די מיידעל, וועלכע ר' יוסי געפינט אויס איז די, וועלכע האט איהם, זיין ליבלינג-תלמיד, געבראכט צו דעם, ער זאל ווערען א מערדער, ווערט אויך געטויט פון א בליק פון איהר טאטען. ער דער'הרג'עט איהר, ווייל ער מיינט, אז זיין טאכטער איז די גרעסטע געפאהר פאר זיין הייליגער תורה.

אויך פון א שמועס צווישען ר' יוסי און זיין פרוי געפינען מיר אויס, אז מיט יאהרען פריהער האט ער פונקט אזוי ערמארדעט זיין איינציגען זוהן. דעם זוהן'ס פארברעכען איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט מיט דער קראפט פון זיין בליק געמאכט א פייגענבוים אויפבליהען, כדי די פויגלען און וואלד זאלען האבען וואס צו עסען. ר' יוסי האט געזעהן אין זיין געראטענעם זוהן א מכשף, איינעם, וואס שניידט זיך אויף גויאישע וועגען, האט ער איהם דערפאר געטויט. דאס זעלבע האט ער איצט געטאן מיט זיין טאכטער, וועלכע האט מיט איהר שעהנקייט פארפיהרט זיין בעסטען תלמיד, וועמען ער האט אין זיין גערעכנט באשטימט, אלס זיין יורש.

אלזא, עס איז קלאר, אז די גאנצע מעשה איז אן אלטע לעגענדע, נאר א ביסעל מאדערניזירט. די ראמאנטיק פון דער לעגענדע איז אונטער דעם פארפאסער'ס האנד אין גאנצען פארשוואונדען, און עס איז געבליבען עפעס, פאר וואס מיר קענען נאך קיין ווארט ניט געפינען. פאר א קינדער-מעשה איז זי ניט נאאיוו גענוג; פאר ערוואקסענע פעהלט אין איהר אין גאנצען דער טעם פון לעבען, און דערפאר איז אפילו דער געדאנק, צוליב וועלכען די דאזיגע ראמאנ-

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

די ערדוויכטיגסטע געשעהעניש פון לעצטער וואך איז זיכער געווען דער קאמף מיט די קולאקען צווישען „אונזער" דעמפסי און דעם ארגענטינער פירפא. ווארים, ווען ניט, טא ווי וואלט מעגליך געווען, אז ארום הונדערט טויזענט מענשען זאלען קומען אנצוקוקען דעם ביזוי-אונדער, און באצאהלען פאר דעם פארגעניגען באלד אנדערטהאלבען מיליאן דאלאר? יע, „די שטימע פון פאלק איז די שטימע פון גאט", און די צייטונגען האבען געוואוסט, וואס זיי טוען, אפגעבענדיג פאר דעם דעם גרעסטען און פראמינענטסטען פלאץ.

א גוטען לעסאן קאן מען אבער פארט לערנען פון דעם קאמף. און דאס איז, אז דער שכל איז שטארקער ווי דער קולאק. א קולאק האט טאקי פירפא א שטארקערען, ווי דעמפסי. אבער, ארימער פירפא, די נאטור האט איהם אביסעל געקריוודעט אין שכל, און שנעל דענקען. און דאס איז געווען די אורזאך פון זיין מפלה שוין אין צווייטער ראונד. און דאס איז, לויט די צייטונגען, געווען דער הויפט-אינטערעס אין דעם דאזיגען קאמף. דער עולם האט ממש בעוואונדערט דעם גרויסען אינטעלעקט פון אונזער דעמפסי. אין דעם פיים האבען די מענשען געזעהן בחוש דעם טריאומף פון געדאנק איבער די ברוטאלע געוואלט. דאס, נאטירליך, ערקלערט שוין דעם אונגעהייערען אינטערעס פון אונזער העכסט-פארטגעשריטענעם עולם, וועלכער איז בעשטאנען אין גאר א היבשען גראד פון אונזער איידעלען ווייבליכען געשלעכט, אין דעם דאזיגען קאמף צווישען צוויי גייסטיגע ריזען.

דער מוסאליניזם אדער פאשיזם — רופט עס ווי איהר ווילט, עס איז איין און דער זעלבער שווארץ-יאהר — קומט אריין שטארק אין דער מאדע. דאס זעלבע וואס מוסאליני האט אויפגעטאן פאר איטאליען האט איצט א „רעוואלוציע" פון גענעראלען איינגעטאן פאר שפאניען. דער אלטער מיניסטעריום-קאבינעט איז ארויסגעשליידערט געווארען, און זיין פלאץ האבען פארכאפט די מיליטאריסטען. פארשטעהט זיך, אז קיינעם טוט ניט באנג פאר די ארויסגעווארפענע מיניסטארען. זייער שיקזאל האבען זיי כשר פארדינט. עס פארדריסט נאר ו ו ע ר עס האט זיי ארויסגעווארפען, און ווי. און אז דאס אלעס געהט אונטער דעם נאמען רעוואלוציע, וועט שוין פאר איינעם באלד זיין א שאנד צו רופען זיך מיט דעם נאמען רעוואלוציאנער.

ס'איז ווירקליך שווער צו באגרייפען די מענשען וואס גלויבען ניט אין מענשליכן פראגרעס, ווען אויף שריט און טריט קען מען איהם אנטאפען ממש מיט די הענט. אט איז איינער פון אזעלכע אויגען-אויסשטעכענדע פאקטען. אין פילע שטעט אין אונזער לאנד ווערט א פארברעכער באשטראפט מיט שמיץ. ניט לאנג צוריק האט מען איינעם אזא פארברעכער פארשמיסען אויף טויט. איז דאס א גוטע זאך פאר דעם געשמיסענעם, אבער פאר דעם שמייסער איז עס א זעהר ניט אנגענעהמער דזשאב. ערשטענס, פארערט זיך א שטארקע פיזישע אנשטרענגונג צו פארשמייסען איינעם צום טויט; צווייטענס, איז עס א ביסעל ברוטאל, וואס, אפשר ניט? איז אט איינער אין קענעדע געקומען ארום מיט א געדאנק פאר א שמייס-מאשין וועלכע זאל קענען אזוי אנגעשטעלט ווערען, אז יעדער פארברעכער זאל קענען געשמיסען ווערען לויט זיינע פארדינסטען. ווער לייכטער, ווער שווערער. בנאמנות, א טייערע אידעע. א מענש פול מיט ליידענשאפטען, קען אמאל קומען אין אן אזארט ביים שמייסען, אז דאן וועט צו דעם גע־שמיסענעם. ביי א מאשין איז דאס אבער אונמעגליך. זי טיילט אויס גערעכטיגקייט אויפ'ן מאשינאלען אופן.

אלע מאכטער-פארשלעגע פון „אמאלגאמייטעד", פון א לייבאר פארטי אויף דער קאנווענשאן פון דער פעדערייששאן אוו לייבאר פון אילינאיז זיינען דורכגעפאלען מיט א קראך. מאטהיו וואל, וויים-פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערייששאן אוו לייבאר, האט איהם אויפגעפאדערט, ער זאל זאגען, וואו נעהמט ער דאס געלד פאר די אגיטאציע פון זיין עדיוקיישאנאל ליג פראפאגאנדא. האט פאסטער געענטפערט, אז ער איז בערייט צו ווייזען זיינע ביכער. האט איהם אבער אויף דעם זעהר גוט געענטפערט אלאנדער, דער סעקרעטאר-טרעזשורער פון דער פעדערייששאן. ניט פאסטער'ס ביכער זיינען וויכטיג, נאר די פון די קאמוניסטען. דארט קען מען ערשט זעהען, פון וואנען דער פאסטעריזם ציהט זיין יניקה.

„לעטען האמת", איז דער פרעזידענט פון דער נעשאנאל קאול אסס'ן, מר. דזשאהן י. ברייסאן, ארויסגעקומען מיט אן ערקלערונג, אז די בעשולדיגונג פון דער יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן נעגען די קאמוניסטען, אז זיי זיינען שולדיג אין דער הערריןהרינה, איז פאלש. שולדיג איז די יוניאן, שולדיג איז איהר פרעזידענט, דזשאהן ל. לואיס. די קאמוניסטען האבען גארנים צו טאן מיט דער בלוט-באד אין הערין. אויך צווייפעלט זעהר שטארק דער דאזיגער מינעדמאגנאט, אז די קאמוניסטען האבען געקראגען פון רוסלאנד איבער א מיליאן דאלאר. עס איז דערפון צו זעהן, אז אונזערע היגע קאמוניסטען האבען דאך געפונען זייער פארטיידיגער, — עטוואס, וואס איז ווערט צו פארצייכענען. טאקי א מינעדמאגנאט, טאקי ער האט פיינט די קאמוניסטען, אבער דער אמת איבער אלעס!

אונזער נייער יונייטעד סטייטס פרעזידענט ווייזט זיך ארויס אלס א מומחה ניט בלויז אין דאס, וואס מען רופט שטאאטס-וויסענשאפט, נאר אין אויך ווי ביי זיך אין דער חיים אין אלע אנדערע חכמות און וויסענשאפטען. דא ניט לאנג האט זיך געגרינדעט א „דזשואיש עדיוקיישאן אסס'ן", וואס געהט לערנען מיט די אידישע קינדער אין אמעריקע דעם „דזשודאאיזם". זיי האבען בעשטימט צו שאפען פאר דעם א פאנד פון א האלבען מיליאן דאלאר. איז אט דער אויפטו האט די פולע הסכמה פון אונזער פרעזידענט. אויף א דינער פון דער דאזיגער אסס'ן האט דזשאדזש ראזאלסקי פארגעלייענט א בריף פון פרעזידענט, אין וועלכען, צווישען אנדערעס, גיט ער די פאלגענדע עצה: „לערנט די יוגענד פון דער אידישער ראסע די אלטע אידישע טראדיציעס. יענע וויסענשאפט און חכמה, וואס האט אויפגעהאלטען די אידישע ראסע דורך די יאהרהונדערטע, מוז ווייטער אויפגעהאלטען ווערען פאר דעם נוצען פון דער מענשהייט. די יוגענד פון אייער פאלק קען זיך ניט פאראייניגען פאר א מעהר פאטריאטישען צוועק." און אז פרעזידענט קולידזש אליין זאגט עס, טא ווער, ווער קען צווייפלען אין דעם?

א הערצליכען גערוס פון בנימין פייגענבוים, איינעם פון אונזערע סאמע ערשטע בויער פון אונזער אידישער ארבייטער-באוועגונג, ווייל איך דא איבערגעבען צו דער גאנצער מעמבערשיפ פון דער אינטערנעשאנאל, ווי אויך צו אונזער גאנצען דזשענעראל אפיס. מיט א פאר וואכען צוריק איז פייגענבוים געווען זעהר קראנק, אזוי קראנק, אז זיינע נאהנטסטע האבען געצווייפעלט שטארק, אויב ער וועט דאס מאל ווידער אמאל ניצול ווערען פון מלאך המות. ווי ער האט עס שוין באוויזען גאנץ אפט אין די לעצטע עטליכע יאהר פון זיין קראנקהייט, וואס האט איהם אפגעריסען פון דער באוועגונג, דאס סאמע טייערסטע אין זיין לעבען. האט זיך דערפון דערוואוסט גענ. ב. וולאדעק, מענעדזשער פון „פארווערטס", און ער האט איינגעלאדען דעם שרייבער פון די צייל-ען ווי אויך גענ. ראגאף, וועלכער איז איצט עקטינג עדיטאר פון „פארווערטס", מיטצופארען מיט איהם אין זיין שעהנעם אויטאמאביל צו באזוכען אונזער אלטען פריינד און פארקעמפער. גענ. פייגענבוים און זיין פרוי זיינען דאן געווען אין א

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוס און דרעסמאכער יוניאן

(שלוס פון זייט 9).

אפערייטארס און פרעסער, און האט רעאינסטייטעט דעם פינישער, און אזוי איז דער קארפאריישאן אויפגעלייזט געווארען.

ברודער פערלמוטער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער וואנדער, מענעדזשער פון דעם דזשאבינג דעפארטמענט, באריכטעט, דאס זיין אפיס געהט אן מיט איהר רעגולער ארבייט און דורך דער לעצטער וואך האט זיין אפיס געצוואונגען דזשאבערס צוריקצונעמען ארבייט פון דער „פאנעל קלאוק קאמפאני", „קאפיטאל קלאוק קאמפאני", וואקסמאן, און פון א צאהל אנדערע.

ער באריכטעט אויך, דאס זיין אפיס האט געסעטעלט מיט די ניט-יוניאן דזשאבערס, קאמינגס און טשערנאף, ענגעלמאן און גלאזער. זיין אפיס פארהאנדעלט נאך סעטעלמענטס מיט אנדערע דזשאבערס.

זיין אפיס האט אויך ערקלערט סטרייקס געגען די פאלגענדע ניט-יוניאן דזשאבערס: הילער בראדערס און הילער, סאמועל פיין, סאל. לעווין, פרענק דרעגסטין, ל. גאלדסטאן און יודרא קלאוק קאמפאני. די לעצטע צוויי ניט-יוניאן דזשאבערס באשעפטיגען קאמערס, און ברודער וואנדער מאכט אראנדזשמענטס צו סטאפען די קאטערס פון דער ארבייט.

די פראגע פון קאטערס, וועלכע ווערען באשעפטיגט פון דזשאבערס, רופט ארויס א דיסקוסיע. עס איז די מיינונג פון דער באארד און דירעקטארס צו מאכען אויפמערקזאם די קאטערס דאס זיי זאלען ניט אננעמען קיינע דזשאבס אין דזשאבינג הייזער. סעקרעטער לאנגער ווערט אינסטרואירט צו אדווערטייזען דעם באשלוס אין דער ענגלישער ארבייטער צייטונג.

ברודער וואנדער באריכטעט אויך, דאס די אינוועסטיגיישאן, וועלכע ווערט אנגעפיהרט אין דער אינדוסטרי, וועט באלד זיין געענדיגט. ביז איצט האט מען אונטערזוכט 25 אסאסיאיישאן דזשאבערס.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער פיינבערג באריכטעט, דאס ער און ברודער הורוויץ האבען געהאט א קאנפערענץ מיט דעם פרעזידענט און אנדערע אפיסערס פון דער דרעס אסאסיאיישאן און זיי האבען אויפגענומען פראגען, וועלכע זיינען פון גרויס וויכטיגקייט פאר דער דרעסמאכער יוניאן. ברודער פיינבערג באהויפטעט, אז אויף דעם קאנפערענץ איז אויפגענומען געווארען די פראגע פון געהינדערטע קייסעס און ברודער פיינבערג האט ערקלערט די פיהרער פון דער אסאסיאיישאן, אז די דזשאינט באארד וועט ניט דולדען, אז די שליכטונג פון קייסעס זאלען געהינדערט ווערען.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דרעס פראגע ערקלערט ברודער פיינבערג, אז אייך די דרעס שעפער וועלען אונטערזוכט ווערען פון אונזערע אקאונטענטס אום אויסצוגעפינען צי די דרעס מאנופעקטשורערס טוען ניט קיין ארבייט פאר ניט-יוניאן דזשאבערס.

ברודער פיינבערג מאכט אויך אויפמערקזאם דעם באארד און דירעקטארס, אז לעצטע וואך האט ער ארויסגעשיקט א בריף צו די לאקאל מענעדזשערס, פארלאנגענדיג פון זיי ארייננצושיקען זייערע מעמבערס צו דער ארגאניזיישאן קאמיטע. ביז איצט האט ער נאך ניט נעקראגען קיין ענטפער. ער בעט די לאקאל מענעדזשערס נאך אמאל אים ארייננצושיקען אזא ליסט פון די מענשען פאר דער ארגאניזיישאן קאמיטע.

ריידענדיג וועגען דער ארגאניזיישאן קאמיטע ערקלערט אויך ברודער פיינבערג, אז מיט דעם וואס עס ווערט עטאבלירט א דזשענעראל ארגאניזיישאן קאמיטע אין דעם דזשאינט באארד ווערען די לאקאלס וועלכע האבען ארגאניזיישאן קאמיטעס אויפגעפאדערט זיי אויפצולייזען און אויך אוועקצושיקען די מענשען, וועלכע האבען אויפגעפאסט אויף די ארגאניזיישאן קאמיטעס.

ער ערקלערט אויך, אז די ארגאניזיישאן קאמיטע וועט טאן די רוטינע ארבייט פון ארגאניזירען שעפער, דארום מוז די ארגאניזיישאן קאמיטע זיין קאנצענטרירט אין איין פלאץ און איהר ארבייט מוז געטאן ווערען פון איין אפיס און ניט פון פארשיידענע אנדערע אפיסעס.

דער באריכט און רעקאמענדאציע פון ברודער פיינבערג ווערט גוטגעהייסען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

א דאנק בעזאלוציע.

פאלגענדע רעזאלוציע איז געפאסט געווארען פון די ארבייטער פון שטיינבערג און לינדען, 242 וועסט 36טע סט.:

„אין אנבאטראכט דאס ברודער דזש. קליינפעלד, דער שאפ טשערמאן, האט געטריים, זייט ער איז טשערמאן, צו פארטיידיגען די ארבייטער אינטערעסען, אין אנבאטראכט דאס ברודער קליינפעלד האט פיל אונאנגענעמליכקייטען געהאט אויסצושטעהן און איז אימער געשטאנען אויף זיין פאסטען ווי א טרייער סאלדאט, זיי עס דארום באשלאסען, אויסצודריקען אונזער בעסטען דאנק צו אונזער טשערמאן, ברודער דזשעק קליינפעלד, דורך דעם פרעזענט, וואס מיר האבען איהם געקויפט. מיר ווינשען איהם צו ניצען עס געזונטערהייט."

„זיי עס אויך באשלאסען, אויסצודריקען אונזער דאנק צו ברודער ווארשאפסקי, ביזנעס איידזשענט פון לוצקי'ס אפיס. אויך ער האט פיעל מיטגעהאלפען פאר דעם וואהל פון דיזען שאפ. ער האט אימער אטענדעט זיינע קאמפליינס ריכטיג און עהרליך, ווי עס פאסט פאר אן אפיסער [illegible]"

די קאמיטע.

די רעאקציע און די אויסניכטערונג

(שלוס פון זייט 11.)

כטע מענשען. דאס באווייזט איין זאך גאנץ קלאר, אז ווען אפילו די איבערקערער זאלען ניט האבען קיין באזונדערע ליבע צום באטרעפענדען קעניג, זיינען זיי אבער זעהר שטארק איבערגעבען און פול מיט שטרעבען צו דער ארדנונג וואס דער קעניגטום רעפרעזענטירט.

און בכלל איז זעהר א גרויסער טעות צו מיגימיזירען די באדייטונג פון א קעניג, אפילו פון א קאנסטיטוציאנעלען, דאס הייסט, באשריינקטען מאנארך.

וועגען דעם ענגלישען קעניג זאגט מען, אז ער הערשט ניט, נאר ער רעגירט. דאס איז אבער ניט מעהר ווי איינע פון די פוסטע פראזען, וואס זאגען גארנישט. דער אמת איז, אז אפילו די ענגלישע קרוין, וואס איז מעהר באשריינקט פון א כך אנדערע, האט אבער נאך אלץ א שטארקען איינפלוס אויף דעם לעבענסגאנג פון דער אימפעריע. די ראלע שפיעלט, פארשטייט זיך, ניט דער קעניג אלס פערזאן, נאר דער גאנצער קרייז פון דער ענגלישער אריסטאקראטיע, וואס רינגעלט ארום דעם קעניג און פאר וועמען די קרוין איז דער סימבאל פון מאכט. זיי האבען אפשר ניט די גאנצע דעה אין אינערליכע אנגעלעגענהייטען. דערפאר אבער האבען זיי פולען קאנטראל איבער די אויסערליכע אנגעלעגענהייטען. אין אנדערע ווערטער — זיי האבען אין זייער מאכט די פראגע פון מלחמה און שלום. דאס הייסט, זיי האבען שטענדיג אין זייערע הענט דעם שיקזאל פון פאלק און קענען טהאן מיט איהם וואס זיי ווילען.

די ענגלישע אריסטאקראטיע איז דערווייל די איינציגע וואס פארשטייט אז איבערצייהען די סטרונע צופיעל טויג קיינמאל ניט און דערפאר מערקט זיך ניט אין ענגלאנד קיינע סמנים פון רעאקציע, ווי אין אנדערע לענדער. און דאס איז אויך איינע פון די סודות פון דער גרויסקייט פון ענגלאנד און פון איהר גרויסען איינפלוס אין-דער וועלט.

די אריסטאקראטען פון אנדערע לענדער פארשטעהען דאס אבער ניט. זיי זעהען איצט א געלעגענהייט צו פארשטארקען זייער מאכט און זיי כאפען זי מיט ביידע הענט. אבער דאס איז ניט מעהר ווי אויף א ווייל. נאך א גרויסער רעאקציע קומט געוויינליך א גרויסע אויסניכטערונג און דאן פאלען געוויינליך קעפ — געקרוינטע קעפ אריינגערעכנט.

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

פראנק סמיט. — רעדייער אוניער בעסטען דאנק דורך „די שטיפעלע". בייַ דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט וועלען מיר האבען דאס פארגעניגען צו מאכען עס פערזענליך. פארגעסט ניט איבערצוגעבען א הערצליכען גרוס צו דער פיפים.

ברודער פיק. — פון אייער קאמערא זיינען מיר ארויסגעקומען פיל העלדישער, ווי מיר פיהלען זיך באמת. אפנים, אז אויך די פערענע קאמערא, ווי דער מאדערנער דינסטער, קען מאכען, ווען זי וויל, קאמפלימענטען. אונזער „בעסטען דאנק" פאר דער גוטער ארבייט. און נאך מעהר פאר דעם גוטען ווילען. הערצליכען גרוס צו אלע אייערע.

י. ראבעלסאן. — ערהאלטען אייער רשימה מיט גרויס פארגעניגען, ווייל דאס מאכט אונז צו דענקען, אז כאטש איטיצער האט אונז אין זינען, און ווינשט אונז גוטעס אנשטאט בייזעס. אין דער איצטיגער צייט, ווען עס האגעלט מיט פארמיידונגען און זידלערייען פון אלע זייטען, איז עס ווירקליך א נחת רוח צו הערען עפעס גוטעס פון דער אנדערער זייט. ווי מיר האבען געהערט, זיינען מיר ניט געווען אין דער היגער קיין אויסנאם. נאך אנדערע אין אונזער שפיס האט איהר צוגעזאגט א גוט יאהר. דאס איז פיין. מיר פיהלען זיך אין גוטער, אין דער בעסטער, קאמפאניע.

מאריס לעה. — אין אייער בריף דריקט איהר אויס די זעלבע געדאנקען, וועלכע איהר האט זיכער געלייענט אין „לעצטען נומער גערעכטיגקייט". און עס פרייט אונז צו זעהען, אז א מעמבער פון לאקאל 1 דענקט אזוי. אבער, ווארום איהר ברעכט צוזאמען אייגעם, וועמענס נאמען מיר האלטען פאר אונזער, אונזער צו דערמאנען, מיט דעם נאמען פון פרעזידענט זיגמאן, קענען מיר ניט פארשטעהן. פאר דעם קעמפט דאך טאקי פרעזידענט זיגמאן, אז פאליטיקער זאלען ארויסבעטען פון דער יוניאן כדי די יוניאן זאל זיך איינגאנצען קענען אפגעבען מיט פראגען פון טרייד. הימט איהר און האט נאך צו איהם טענות? דער בריף פון דעם ג. ע. ב. צו די יאר־מאלס וועגען דער עדיוקיישאנאל ליג האט ניט באשלאסען קיין אנדער זאך, ווי נאר דאס, אז פרעמדע, פאליטישע מענשען, זאלען לאזען אונזערע יוניאנס צורוה, כדי זיי זאלען קענען טאן דאס, וואס איז אזוי וויכטיג פאר די ארבייטער, אלס ארבייטער, אלס ווירדושעהמער. קוקט איהר, וואס דענקט איר איין פונקט אזוי לאגיש, און ערקלערט, אז דער רשעות בריף האט געבראכט די נ״ערט, כען זאל דיירען וועגען דעם. עס איז מערקווירדיג ווי איינעמס מיה: אין איין פונקט אזוי ריכטיג, אזוי לאגיש, און אין א צווייטען, וואס איז ברייט א לאגישע שלום־פארלערונג פון דעם ערשטען, אזוי מאדנע קרום!

א. ל. וואלפסאן. — אונזער בעסטען דאנק פאר צושיקען אונז, אלס מתנה, אייער אמת־שעהן ליד „א מאמע", ארגאנזשירט פאר געזאנג און פיאנא פון הענרי לעפקאוויטש. עס איז ווירקליך א זעהר ריהרענדער ליד און, כאטש עס איז ניט אין געשמאק פון אונזערע „מאדערנע" פאעטען, נאר דאס זאל זיין אייער לעצטע דאגה, אבי די מאמעס וועלען עס גלייכען.

ע. וואלדשטיין. — איהר פראטעסטירט געגען אונזערע צארסקע מעטאדען. וואלטען מיר זיי ווירקליך געבראכט, וואלט איהר געווען פאלשטענדיג גערעכט. אבער איהר זענט געבאך אין גרויסען טעות. מיר קעמפען דוקא געגען צארסקע מעטאדען אין אונזערע יוניאנס. מיר ווילען בשום אופן ניט דערלאזען, אז אונזערע יוניאנס זאלען דיקטירט ווערען פון אירגענד וועלכער מאכט, וואס שטעהט דרויסען פון דער יוניאן. און וואו האט איהר עס געזעהען, אז מיר זאלען האבען וואו געשריבען, אז דער וואס איז ניט איינפארשטאנען מיט די יוניאן־באאמטע, איז א פאררעטער, ערגער, אז קיינער טאר ניט האבען זיין אייגענע מיינונג? פארקערט, מיר האבען אימער געזאגט, און וועלען עס אימער זאגען, אז אויף א יוניאן טאר ניט ארויפגעצוואונגען ווערען קיין בעשטימטע פאליטישע מיינונג, ווייל די יוניאן־מיטגלידער האבען דאס פולסטע רעכט צו זיין פארשידען אין זייערע פאליטישע מיינונגען. און אונזער קאמף פיהרען מיר אז דוקא געגען די, וועלכע ווילען, מיט געוואלד אלעמען מאכען פאר קאמוניסטען, פאר באלשעוויקעס, כאטש די מעהרסטע מיטגלידער ווילען ניט הערען און ניט זעהען דערפון. אייער בריף, אין וועלכען איהר פראטעסטירט געגען צארסקע מעטאדען, דריקט דארום אויס א גאנץ ריכטיגען געדאנק, אבער איהר האט איהם געשיקט אויף א פאלשען אדרעס. ווען איהר זאלט נאר גוט פארשטעהן אונזער שטעלונג דארפט איהר נאר זיין מיט לייב און לעבען מיט אונז, און קעמפען מיט אלע אייערע כוחות געגען דער חברה, וואס ארבייט מיט צארסקע מעטאדען, און וויל ארויפצווינגען אויף דער יוניאן איהר הערשאפט. עס איז ווירקליך א זאנדערבארע און טרויעריגע מיספארשטענדניס פון אייער זייט, און עס טוט אונז לייד, וואס דאס קען פאסירען מיט אזא יוניאן־מעמבער, ווי איהר, וועלכער, ווי איהר שרייבט, האט אזוי פיל געליטען פאר דער יוניאן. אדרבה, איבערלייענט זיך נאך אמאל, אויב דאס איז מעגליך פאר אייך.

מ. ראס. — די נייעס וועגען דעם איז געווען גאנץ ברייט ארומגעטראגען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט". פאלגליך איז די ווידערהאלונג

איבעריגע. וואס אנבאלאנגט דעם פראטעסט אייערען, פארשטעהען מיר אייער גוטע כונה. אבער די פּויע ווירקונג פון דעם פראטעסט קען און דארף אויסגעדריקט ווערען גרייד ביים מיטינג; ווען אלע אנוועזענדע, וועלכע פראטעסטירען איצט, און ווענדען זיך דורך דער צייטונג, וואלטען געמאכט הערען זייערע שטימען פון פראטעסט גלייך אויפ'ן פלאץ, וואלט דער מיטינג ניט אויסגעבראכען געווארען.

פאניא כ. קאהען. — ערהאלטען אייער פאמפלעט, אין וועלכען עס ווערט אנגעפירט אין אידיש און ענגליש, וואס איהר גלייבט זיך צו טאן אויף אייער פעדער פון עדויקיישאן דעפארטמענט. מיר האבען אירם גאנץ אויפמערזאם איבערגעלייענט, און געפינען גארניט וואס צו קריטיקירען. פארקערט: מיר רעכנען ניט אנדערש, ווי גלויבען, פון אלע אזוינע געפינען מיר ניט קיין אייגענע, וועלכער זאל ניט זיין העכסט וויכטיג פאר דער ווייטערער אויסבילדונג פון די ארבייטער. וואלטען נאר די ארבייטער פלייסיג באנוצט די געלעגענהייט און באמיהט זיך צו פארשטעהן זיי, וואלטען זיין געהנמער פון די צרות, פון וועלכע אונזער יוניאן ליידעט, גרייך פארשוואונדען ווייל, נאך אלעמען, איז דער ניט־פארשטעהן, דער ניט ווערען פארשטעהן די אמת'ע אויפגאבען פון א יוניאן די גרונד־אורזאך פון דעם גאנצען דור הפלגה, וואס הערשט. עס איז דאס, וואס די מעהרסטע זיינען ניט בכוח זיך צוטראגען ריכטיג צו אלע, וואס מען זאגט זיי, און גלייבען יעדען אינזיין. וואס ברענגט אונז די מיינונג עס איז ניט, ווי מאנכע גלויבען, וואס ביי אונז ווערט ריכטיג אונטערדריקט, וואס מאכט פיעל אונצופרידען: נאר, דאס, וואס ביי די מעהרסטע פון אונזער מעמבערשיפ שלאפט איינגאנצען אט די פעהיגקייט צו קריטיקירען, צו אנאליזירען, צו געפינען די גרונדאורזאכען פון די ערשיינונגען. אלע אייערע קורסען צילען זיך ווייט מעגליך צו בעזייטיגען דעם איבעל. און צו זיי ווערען דערגרייכען דעם ציל פראגרעסיווייז, אבער יערענצאים. די ארבייט איז א העכסט וויכטיגע, און נייטיגע.

ה. וואלהענדלער און ד. ווייגשטיין מיר ענטפערען אייך צוזאמען, ווייל איהר שרייבט ביידע וועגען דעמזעלבען ענין, וועגען וועלכען עס רעדט זיך אין ברודער ראפאפּאָרט'ס בריף, וואס מיר האבען פארעפענטליכט. ווידער אמאל איבערחזר'ן דאס זעלבע, און אנגעבען נאך ביישפיעל פון געוויסע שעפער איז ניט נויטיג, ווייל עס איז דאך קיין סוד ניט, אז עס איז דא א טייל ארבייטער אין געוויסע שעפער, וואס ארבייטען אויף ספעציעלע אגרימענטס. וואס איז איצט וויכטיג, איז צו הערען די צווייטע זייט פון דער פראגע: ערשטענס, ווי אזוי עס איז געקומען דערצו, וואס אין געוויסע די לינה פון דער יוניאן, ווען זי האט איינגעשטימט דערצו, און דאן, אויב די פארגען זיינען טאקי אזעלכע, וועלכע זיינען אין ווידערשפרוך מיט דעם יוניאן־פרינציפּ. זיכער וואלטען מיר גערן פארעפענטליכען די ארגומענטען פון דער צווייטער זייט. אבער, ווי מיר פארשטעהען, דארף די דעבאטע גיכער געפינען פלאץ אויף די יוניאן־מיטינגען, ווי אויף די שפאלטען פון דער צייטונג. און אט פארוואס. די צייטונג איז א עפענטליכע זאך: ניט בלויז ארבייטער לייענען אונזער צייטונג, עס לייענען איהר אויך אונזערע בעלי בתים, און אנדערע מענשען, וועלכע זיינען ניט קיין גרויסע יוניאן־פריינד. און דערפאר איז זעהר ניט ראטזאם ארויסצוקומען מיט אלעס, וואס איהר דענקט, פיהלט און וויסט אין דער צייטונג. ניט ווילענדיג, גיט איהר דערמיט אייערע שונאים א שארפע וואפע אין די הענד. אויף אייערע יוניאן־מיטינגען זענט איהר אבער פאלקאם פריי. דארט רעדט איהר צו אייערע אייגענע, און, אויב עס זיינען ניטא קיין שפיאנען אין אייער יוניאן, און מיר האפען, אז ניט, בלייבט עס צווישען „אייגענע". דערפאר זיינען מיר פון דער מיינונג, אז ניט אלע פראגען קענען און דארפען דעבאטירט ווערען אין דער צייטונג, וועלכע איז נויטוועגדיגער ווייזע א רשות הרבים...

ל. ארטש. — אייער בריף וועט פארעפענטליכט ווערען, ווייל ער צייגט גאנץ קלאר, מיט ציפערן, אז ארבייטער קענען פיל אויפטאן, ווען זיי ווילען נאר.

ס. קאהען, באלטימאר. — פרעזידענט זיגמאן האט אונז איבערגעגעבען אייער בריף, צו ענטפערען אייך, ווייל ער האט ניט די נויטיגע צייט צו שרייבען צו אייך פערזענליך. מיר מוזען זאגען, אז דאס מאל פיהלען מיר אונזער אויפגאבע אביסעל שווערליך, ווייל אין דעם בריף צו איהם אטאקירט איהר די „גערעכטיגקייט", און מיר וואלטען ווירקליך בעסער געוואלט, אז פרעזידענט זיגמאן זאל עס טאן. נאר מילא, וואס איז ניט אנגענעהם.

אלזא, אין דעם ערשטען פונקט זיינט איהר פאלקאם גערעכט. דער סעקרעטער האט גלייך בעדארפט פארברייגען דעם בריף. מיר פארשטעהען ניט, ווארום ער האט עס ניט געטאן? איז דאך דער בריף גלייך פארעפענטליכט געווארען אין דער פרעסע, און פאלגליך האט ער ניט געקאנט בלייבען א סוד ניט פאר אייער עקזעקוטיוו און ניט פאר אייער לאקאל. און איצט צו די איבעריגע פונקטען: איהר זיינט א קאמוניסט. דאס איז אייער זאך. דאס קען אייך קיינער ניט פארווערען צו זיין. און דאס וויל גאר קיינער ניט. איהר, אלס קאמוניסט, ווילט, נאטירליך, אז אויך אייערע ברידער, יוניאן־מעמבערס, אז די גאנצע וועלט זאל טיילען מיט אייך אייער מיינונג. דאס איז אויך ניט קיין עולה. דאס איז מענשליך. איהר האט דארום דאס פולסטע רעכט צו פראפאגאנדירען אייערע מיינונגען. איהר האט א רעכט, אויב איהר קענט, פארברייטען דעם געדאנק, אז אלע לעהרען, אלע אידעאלען, און וועלכע מענשען האבען זיך ביז איצט געמיהט, זיינען פון קיין ווערט, פון קיין נוצען, ווערען צו גארניט פיהרען, און דאס דער רעפארמיזם איז איבער שיעור, די חיבה לקשה ספינ'. איהר האט א פולע רעכט צו ווערען און צו ארבייטען פאר דעם, אז די גאנצע ארבייטער־באוועגונג זאל פארווארפען אלע איהרע ביז איצטיגע פאליסיס און אידעען, און אננעהמען אייערע ווענען. אבער דאס איז פונקט איהר טאן מעגט, עהרליך, פראנק און פריי. אזוי, אז עס זאל ניט זיין דער מינדסטער כיטרו פון צוואנג, פון אינטריגעס, פון פארדינדונג. אזוי שנעל, ווי איהר הויבט דאס אן צו טאן, הערט איהר אויף צו זיין א פראפאגאנדיסט, א פארשפרייטער פון אידעען. נאר איהר ווערט א קאנספיראטאר, א פארשווערער; איהר ווילט ארייןברייגען מיט געוואלט, אויף א שמוציגען אופן, אין דער יוניאן א צושטאנד, וואס איהר קענט ניט אויספיהרען אפען און עהרליך. איהר ווילט מאכען די יוניאנס פאר קאמוניסטיש, כאטש אין זייערע הערצער און מוחות זיינען זיי עס ניט. דערמיט מוזט איהר נויטווענדיגער ווייזע פיהרען צו דער פארניכטונג פון דער יוניאן. און דאן קומט די יוניאן, מיט פולען רעכט, און זאגט אייך: ניין! דו וואלסט און דו קענסט עס ניט טאן. פרעדיגען אידעעלען, וויפיל דו ווילסט, אבער ארויפצווינגען זיי אויף אונז, דאס ניט. ווייל דער דאזיגער צוואנג מוז פיהרען צו רייבערייען, שפאלטונגען, און ענדליך צו דער העכסטער מאכטלאזיגקייט פון דער יוניאן.

אט ארויסגעהענדיג פון דעם שטאנדפונקט, האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכער איז פאראנטווארטליך פאר די יוניאן, אויפגעגעבען די פארפליכטונג אויסצוהיטען די יוניאן פון אלערליי געפאהרען, און בריינגען איהר צו דער נעקסטער קאנווענשאן אזוי שטארק און מעכטיג, ווי מען האט איהר איבערגענומען, אויב ניט נאך שטארקער. באשליסענדיג אז אין דער פראגע פון דער ק. ע. ר. פון די אנגענומען א פעסטע שטעלונג, ווייל די דאזיגע קערפערשאפט בעטראכט איהר עדוקיישאן ארבייט בלויז אלס א „סמאוקסקרין", אלס קאמופלאזש, אום צו פארשטעקען איהר ריכטיגע ציל. וואס דאס איז: **מיט געוואלט צו מאכען די יוניאן פאר כלומר'שט באלשעוויסטיש קאמוניסטיש וואס זיי זיינען עס ניט.**

ווער דאט דען געגען פראפאגאנדע? איהר רעדט פון דער „גערעכטיגקייט", אלס איינזייטיג. ניט אמת. די פראגע פון דער שאפ־דעלעגאטען סיסטעם איז פיר און ברייט דיסקוטירט געווארען אין דער „גערעכטיגקייט" עס זיינען געווען פארעפענטליכט ארטיקלען דאפיר און דאגעגען. די פראגע פון „אמאלגאמיישאן" איז דיסקוטירט געווארען צו פארשידענע צייטען אין דער „גערעכטיגקייט". און אפילו פאר רוסלאנד זיינען פארעפענטליכט געווארען פיעלע ארטיקלען. דערמאנט זיך אן דער רייהע ארטיקלען פון דעם געוועזענעם פרעזידענט, ווען ער איז געקומען צוריק פון רוסלאנד, וועלכע זיינען געווען העכסט סימפאטיש צו דער סאוועטען־רעגירונג. דערמאנט זיך אן די פיעלע עדיטאריעלס, געשריבען פון רעדאקטאר, אין וועלכע ער האט פארטיידיגט רוסלאנד געגען דעם כלומר'שטדיגען אנגריף פון אלע אנדערע רעגירונגען, און איהר וועט זיך פארשעמען פאר אייער בלבול פון איינזייטיגקייט. ערשט ווען די אגענטען פון דער רוסישער רעגירונג זיינען געקומען מיט א „בית פאסעטו", אז מיר מוזען זיך אנשליסען אן דעם דריטען, רויטען אינטערנאציאנאל; ערשט, ווען דער דריטער אינטערנאציאנאל איז ארויסגעקומען מיט זיינע העכסט דעספאטישע 21 פונקטען, וועלכע האבען אפגעקערט אפילו אזא איבערגעבענעם דאן באלשעוויק, ווי עס איז געווען דעבס, ערשט ווען די רוסישע רעגירונג האט ארויסגעוויזען איהר גאנצע אונפעהיגקייט, און, אלס פאלגע, איהר בלוטיגען מערדערישען רעזשים געגען אלע און אלע, וואס זיינען געווען ניט איינפארשטאנען מיט איהר, ערשט דאן זיינען מיר געווען געצוואונגען ארויסצוטרעטען אזוי שארף, ווי מיר האבען נאר געקאנט, געגען דער גאנצער בלוטיגער וואקכאנאליע, און אלץ מיט דעם צוועק צו פארהיטען אונזערע יוניאנס!

אבער ווער ווער, איהר אלס „לינקער", פאר וועמען יעדער אנדערש־דענקענדער איז א קאנטר־רעוואלוציאנער, א פארדעטער, פאר וועמען טויט איז א צו מילדע שטראף; איהר וועלכע טרעט מיט די פיס יעדע פרייע מיינונג; פאר וועמען פרייהייט איז א בורזשואזנער פאראורטייל, פאר וועמען סאלדאטסקע דיסציפלין איז דער לעצטער ווארט פון חכמה, און טעראר דאס לעצטע ווארט פון סטראטעגיק; איהר, וועלכע געהערט, ווי איהר זענט זיך מודה, צו א פארטיי, פאר וועמען אונפארטייליכקייט איז די גרעסטע זינד; איהר ווארפט פאר דער „גערעכטיגקייט" איינזייטיגקייט! איהר וועמעס געטשעקס האבען טויזענדע מענשען בעשטראפט מיט'ן טויט פאר יעדע פרייע מיינונג, און צענדליגע טויזענדע האלטען זיי נאך ביז איצט אין געפענגעניסן, אין קאצעטען, וואו מען לאזט זיי פארפוילען ווערען, — איהר ווארפט אונז פאר אונזער איינזייטיגקייט! וואס איז עס? אויב ניט די גרעסטע היפאקריטסטווא, איז עס ניט די שרעקליכסטע נארישקייט? איז עס ניט א בעוויס, אז איהר ווייסט גארניט, אויף וועלכער וועלט איהר זייט?

איהר שטעלט א פראגע, ווי קומט עס, וואס ארבייטער, וועלכע זוכען אין דער יוניאן זייער שוץ פאר זייער עקזיסטענץ, זאלען וועלען איהר צוברעכען? ווער זאגט אייך, אז זיי ווילען עס? ניין, זיי ווילען עס ניט. זיי, די גרעסטע צאהל מיינען עס ניט, אבער זיי ווערען פארפיהרט פון אלערליי דעמאגאגען וועלכע האבען זיי איינגערעדט, אז זייערע פיהרער זיינען פאלש צו זיי און זייערע אינטערעסען; אז זיי האבען געשענקט זייער צוטרוי צו מענשען, וואס פארקויפען זיי. נאטירליך, מיט אזא איינרעדעניש מיינען זיי, אז זיי טוען דאס בעסטע פאר דער יוניאן. אט דאס איז דער ענטפער אויף אייער שווערע פראגע און טאקי דערפאר האט דער ג. ע. ב. אנגענומען זיין באשלוס, כדי וואס שנעלער צו מאכען אן ענד דעם איינפלוס פון די דעמאגאגען אויף די ארבייטער. אייערע רייד פון ווילען ארויפצווינגען פאליסיס אידעען זיינען פשוטע פלוידעריי. עס איז פונקט פארקערט, עס איז דער ג. ע. ב.' וועלכער קעמפט געגען דער ארויפצווינגונג פון פאליסיס און אידעען געגען דעם ווילען פון דער מעמבערשיפ, ווארים ווי קען און ווי ווערט דער ווילען פון דער מעמבערשיפ אויסגעדריקט? דורך איהרע קאנווענשאנס. אלזא, אויב איהר האט, ווי איהר מיינט, גוטע פלענער פאר דער יוניאן, אויב איהר מיינט, אז קאמוניזם איז א טייערע זאך, אז שאפדעלעגאטען איז א גוואלדיגע סגולה צו היילען וויידישעס, געגען פלעק, אט פריידיגט עס, דאן שיקט דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, וועלכע זיינען פאר דעם, און אויב די מאיאריטעט וועט איינשטימען, וועט איהר האבען אלע טייערע זאכען. אבער דאס איז פאר אייך א ביסעל צו לאנגזאם. איהר, וועלכע גלויבט אין דעם נאמען פון לענין און מייך, האלט איהם אין דער אמת'ן פאר צו נאריש, ער זאל קענען באגרייפען אייער טיפע חכמה; איהר, וועלכע רעדט פון „עדוקיישאן", איז זי דאך אין דער אמת'ן פאר אייך נאר א שפאס. איהר גלויבט דאך נאר אין דיקטאטור, אין צוואנג. נעמט איהר און העהרט איבער דעם פעלץ, און לאזט אונז אין דעם, וואס איז פאר אייך די העכסטע חכמה און טוגענד. און איהר מיינט, אז קיינער וועט גארנישט מאכען זיך צו אזעלכע שמרשטיק! ווי געגאנגט איהר זענט ביי זיך.

איהר רעדט פון אן „אפגרונט צווישען פיהרער און געפיהרטע" — אבער ווער האט עס אייך געזאגט? ווי זיינען די פיהרער געווארען פיהרער? אפשר האבען זיי זיך מיט געוואלט ארויפגעצוואונגען אויף דער יוניאן? ניין, דורך א פרייען איבערוואהל זיינען זיי געווארען די פיהרער. און וויפיל מאל, ביי פארשידענע געלעגענהייטען, איז באוויזען געווארען ווי די גרויסע מעמבערשיפ איז דורך און דורך מיט די פיהרער, כאטש מען האט אנגעווענדעט אלערליי העצעס און אינטריגעס, אום צו צומישען די מוחות פון דער מאסע מעמבערס? אט וואס דערהאט איהר א מה פון אן אפגרונט? אמת, אויך מיר האבען טענות צו דער מעמבערשיפ, וואס זי מאכט ניט צו די בייזע מיילער, דערפאר, וואס זי איז אזוי אפט גלייכגילטיג, איז אזוי פארדאמט טאלעראנט צו אלע יוניאן־ברעכער. דאס איז א גאנץ אנדער זאך. דאס איז נאך זעהר, זעהר ווייט פון אן אפגרונט צווישען די פיהרער און די געפיהרטע.

און נאך א ווארט: די „גערעכטיגקייט" איז דער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל. אלס אזעלכער דריקט ער פאלשטענדיג אויס די פאליסיס, די אידעען און שטרעבונגען פון דער אינטערנעשאנאל. דער רעדאקטאר פון דער צייטונג איז אין פאלקאמענעם איינקלאנג מיט די הויפט־פאליסיס און מיט די גרונד־אידעען פון דער אינטערנעשאנאל. אין דעם מאמענט, ווען ער וועט ניט גלויבען מעהר אין די פאליסיס, וועט ער ניט זיין מעהר דער רעדאקטאר. ער וואלט אדער אליין רעזיגנירט, אדער דער ג. ע. ב. וואלט איהם געמאכט צו רעזיגנירען. פאלגליך, אויב אייך געפעלט ניט די „גערעכטיגקייט", געפעלט אייך אויך ניט אייער גאנצע אינטערנעשאנאל, אייער גאנצער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, נאר אייך געפעלט בעסער די עדיוקיישאנאל ליג מיט איהרע פאליסיס, מיט איהרע צייטונגען. גיט אייך דער ג. ע. ב. די ברירה. צו זיין אבער אין ביידע ארגאניזאציעס גלייכצייטיג, דאס קענט איהר ניט, דאס וועט מען אייך ניט לאזען.

ווייסט איהר אז

אין דער מאוווינג פיקטשור אינדוסטריע זיינען אם מעהרסטען פאראינטערעסירט אידען און אז די מעהרסטע פון זיי זיינען מיליאנערען געווארען, ווי אדאלף צוקער, דזשעסי לאסקי, הירש אייבראמס, סעמיועל גאלדווין, לואיס וועליזניק, און וויליאם פאקס? ווייסט איהר, אז דער בעסטער טערקישער טאבאק ווערט געפיהרט איבער 8,000 מייל און דא מאכט מען פון איהם די מוראד טערקישע סיגארעטען און אז דעריבער קאסטען די מוראד סיגארעטען מעהר ווי אנדערע סיגארעטען?

שאמער קאנצערט מענעדזשמענט

דעפארטמענט פון דער אידישע פאבליסיטי ביורא.

ארגאניזירט און באזארגט אינסטיטוציעס, פאראיינען, יוניאנס, שוהלען, ארגאניזאציעס, לאדזשעס, סאסייעטיס, תלמוד תורה'ס מיט ארטיסטען און מוזיקאלישע טרופעס פאר קאנצערטען און אונטערנעמונגען אין ניו יארק און אנדערע שטעדט.

די פאלגענדע ארטיסטען קענען אנגאזשירט ווערען:

מישא עלמאן, בראניסלאוו הובערמאן, מישא לעוויצקי, ראזא ראיסא, יאסעלע ראזענבלאט, י. ווינאגראדאוו, ד. יאראשעווסקי, מאדאם שאמער־ראזענבערג, נינא קאשיצ, מרס. סאקאלסקי־פריד, דזשאזעף טשערניאווסקי, אבראם ווינאווידא, און אנדערע.

פרעסער

מיר בעטען אייך, אז איהר זאלט לייענען דיזען לעטער מיט אפענע אויגען, ווארים מיר ווילען פארהיטען אייער געזונט.

איהר זאלט וויסען, דאס די ווייער־ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און בי־ליוויע וואס מיר האבען ביז יעצט גע־מאכט פאר די שעפער, זיינען געמאכט געווארען אזוי, דאס ווען די מאשינען זעצען אריין די ווייער באגיסט מען מיט א סך צעמענט און מען קלעפט צו מיט א לייווענט, אום די ווייער זאל ניט ארויס־קריכען צוריק.

דיזער צעמענט איז געמאכט פון א ברענענדע שטאף וואס באזיצט זעהר א שווערען גערוך, און ווען איהר פארעט דאס מיט וואסער און מיט הייסען איי־זען, געהט אייך אריין דער גערוך אין הארצען, וואס דאס קען זיין שעדליך.

זאגאר פילע ארבייטער פון אונזער שאפ האבען זיך באקלאגט אויף א הארץ־שוואכקייט. און אונטערזוכונג פון א דאק־טאר האט געציינט, דאס די שטארקייט פון דעם צעמענט שאדט דאס הארץ און די אויגען. אונזערע ארבייטער רופען דאס אן „קאנסאמפשאן־ברעטלאך".

מיר האבען די לעצטע צייט גענומען צוקלאפען די ווייער־ברעטלאך אויף פראסטע שטיקער האלץ. נאר יעדע האלץ האט אין זיך א געוויסע צאהל פער, און ווען איהר צעווארימט די צעמענט פון דער ווייער־ברעטעל און די האלץ, איז דער גערוך זעהר שעדליך פאר אייער גע־זונט! מיר האבען געאפערט שווערע געלט צו מעכאניקער זיי זאלען געפינען א מיטעל צו מאכען א ווייער־ברעטעל אהן צעמענט און אהן האלץ, אבער עס איז געווען זעהר שווער אויסצוארבייטען.

אבער יעצט קענען מיר אייך אנזאגען א גרויסע שמחה, דאס מיר האבען יעצט באקומען א נייעם פעטענט אויף א ווייער־ברעטעל, וואס קיין צעמענט און קיין האלץ ווערט ניט געברויכט דערצו — מיר האבען ערפונדען אזא סארט לייד־ווענט, וואס איז געמאכט פון קופער, און מיר האבען איינגעפיקסט מאשינען, וואס טשעפען־צו די ווייער ברעטעל צו די קו־פער־לייוועגט און עס קומט ארויס גוט אין ציכטיג — א געזונט אין הארצען!

די ווייער־ברעטלאך זיינען וויך און מען קען זיי בויגען ווי מען וויל, און די גרעסטע סייז וועגט נאר 2 פונט אנ־שטאט וואס די שטיקער האלץ וועגען 16 פונט. איהר וועט באוואונדערען די צו־פרידענהייט פון אונזער נייעם פעטענט, וועלכער איז א וואונדער פון דער צייט, און דערצו איז דאס אזוי שטארק, דאס עס קען איבערלעבען 10 ברעטלאך פון דעם אלטען סטייל. מיר געבען אייך אן עצה —ווארפט אראפ פון אייער אר־בייטס־טיש די שווערע הילצערנע ברע־טער. ווארפט אויך אראפ די שמוציגע, פארפעכטע לייוועגט, וועלכע עס עקעלט אין האנד צו נעמען. שרייט אין איין קול: „נידער מיט די האלץ! נידער מיט די געפעכטע לייוועגט!"

אויב מען דארף ביי אייך אין שאפ א ווייער־ברעטעל צו פרעסען וועלוועט, פלאש אדער בילוויע, קויפט אונזער ניי־עם פעטענט די קופערנע לייוועגט.

מיר לאדען איין אלע פרעסער און דע־זיינערס, ווי אויך אייערע באסעס, זיי זאלען קומען זעהען אונזער נייעם וואונ־דערבארען פעטענט ווייער־ברעטעל, וועל־כער וועט זיין א געזונט אין הארצען דעם פרעסער און געזונט אין פאקעט אייער באס, ווייל עס קאסט ניט טייערער פון די אלטע שמאטעס.

עס איז אנערקענט געווארען אין די גרעסטע שעפער פון ניו יארק פאר די בעסטע ברעטלאך, וואס איז ווען געווען.

צו באקומען ביי די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני, 123 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעלעפאן אשלאנד 2220.

ביטע פריינדליך, גיט דיזען לעטער צו אייער באס. אדוו.

THE ROGIN

VEGETARIAN RESTAURANT

Pure and Wholesome Food

No can goods served.

Open day and evening.

29 St. Marks Pl., New York

קויפט אויסשליסליך

קאלאמביא טהעע

צוזעטאטשני משאי

וזהיים לילי טהעע

דרעסמאכער

יוניאן לאקאל 23, אויפמערקזאם!

דרעסמאכער, מעמבערס פון לאקאל 23, ביי וועמען די ביז־נעס־אייזשענטס האבען צוגענומען די יוניאן ביכלאך, דארפען ווערען מעמבערס פון לאקאל 22, נאך דעם 1טען סעפטעמבער.

אום צו מאכען דעם טראנספערירען לייכט פאר די מעמבערס, זיינען פאלגענדע אראנדזשמענטס געמאכט געווארען:

1. שאפ־טשערלייטע פון לאקאל 23 שעפער וועלען דארפען געהן צו ברו־דער שעהנהאלץ, 16 וועסט 21טע סטריט, צו קריגען נייע ביכלאך פאר די אלע ארבייטער פון שאפ, ביי וועמען דער ביזנעס־אייזשענט האט צוגענומען די יוניאן־ביכלאך.

2. אלע שולדען וואס די מעמבערס זיינען ריקשטענדיג וועלען זיי דאר־פען אויסצאהלען, אין א קורצער צייט, צו לאקאל 22.

3. לאקאל 23 מעמבערס, וועלכע ארבייטען אין לאקאל 22 שעפער, וועלען זיך דארפען טראנספערירען אויף דעם זעלבען אופן.

אלע אונזערע געטראנספערירטע מעמבערס וועלען קריגען זייערע אלטע לעדזשער נומבערס.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

ה. גרינבערג, טשערמאן מ. לינד, מענעדזשער.

נ. ב. — אראנדזשמענטס וועלען ווערען געמאכט אז אלע אונזערע גע־טראנספערירטע מעמבערס זאלען ניט פארלירען דעם נוצען וואס זיי האבען געהאט ביז יעצט פון סיק און קאנסאמפשאן פאנד.

ווילט איהר ווערען א סיטיזען?

מאכט ניט קיין שריט אהן דיזען ביכעל.

דער ניט־בירגער שטעלט זיך געוועהנליך פאר, אז צו ווערען א בירגער איז זעהר, זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען, שטעלט ער זיך פאר: א שווערער עקזאמען. און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפט מען זיך ניט, ווערט ער ניט קיין בירגער.

אין דער אמת'ן איז ניט שווער צו ווערען א בירגער.

נאטירליך, עס פארערט זיך, אז מען זאל וויסען, ווי אזוי די אמעריקאנער רעגירונג ווערט געפירט, ווי אזוי די געזעצען פון סטייט און שטאט ווערען פארוואלטעט, אבער אום דאס צו וויסען דארף מען ניט ענדיגען א קאלעדזש.

פאר דיזען צוועק האט די נעטשורעליזיישאן אייד ליג ארויסגעגעבען א גאנץ נייעם בי־כעל, וועלכער הייסט „דער אמעריקאנער סיטיזען". אין דיזען ביכעל איז אנגעגעבען אלעס וואס מען דארף וויסען צו ארויסנעהמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס. די נעטשו־ראליזיישאן געזעצען זיינען אין דיזען ביכעל ערקלערט אין א פארשטענדליכער אידישער שפראך און ניט א פאלשטענדיגען באגריף וועגען אלעס וואס אנבאלאנגט בירגערשאפט.

אויסער דעם ענטהאלט דיזער ביכעל די פראגען, וועלכע ווערען געשטעלט אין קאורט צו די יעניגע, וועלכע נעהמען ארויסנעהמען סיטיזען פאפירען. די פראגען זיינען איבערגע־געבען אין ענגליש, אידיש און ענגליש מיט אידישע בוכשטאבען פאר די, וועלכע קענען ניט לעזען די ענגלישע שפראך.

דאס איז דער בעסטער סיטיזען ביכעל אויף דער אידישער גאס. דער פרייז פון ביכעל איז 15 סענט. די וואס ווילען עס האבען צוגעשיקט ביי מייל זאלען צושיקען פאר 17 סענט סטעמפס אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

NATURALIZATION AID LEAGUE, 175 East Broadway, New York, N. Y.

דער

ארבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $2,500,000.00

מיטגלידער — 83,000

ברענטשעס — 740

דער ארב. רינג שטיצט יעדען וויכטיגען עקאנאמי־שען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אגיב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE

175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

אינשורענס

פאר

קלאוקמאכער

לעבענס פארזיכערונג

20 יאהר ענדאומענט

20 יאהר פיימענט

סאול מעטץ

איצט מיט דער

ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאניע

110 איסט 23טע סטריט

טעלעפאן: גראמערסי 4224.

הויז אדרעס: 2008 דיילי עוועניו, בראנקס, טעל.: פארדאם 7619.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קאן אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, באלען, פארשטעלונגען, חתונות און אז וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

לייף און פייער אינשורענס

מיט סארא פינקעלשטיין

אפעלירט צו די קלאוקמאכער דאס איבע זיי דארפען אירגענד וועלכע אינשורענס זאלען זיי זיך ווענדען אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

SARAH FINKELSTEIN

264 Grant St., New York

אויגען עקזאמינירט מיט די נייעסטע אינסטרומענטען —

אין דר. בעקער'ס אפטיקעל אפיסעס נעהמט מען ניט קיין משענסעס. דערפאר איז עס זיכער, אז דר. בעקער'ס ברילען זיינען אן אמת'ע הילף פארן אויג: זיי פארשטארקען די זעה־קראפט און באפרייען דאס אויג פון אנשטרענגונג.

אלע ארבייטען ווערען געמאן אונ־טער דר. בעקער'ס פערזענליכער אויפזיכט, מיט דער גרעסטער פאר־זיכטיגקייט.

מאנהעטען:

213 איסט בראדוויי — 2313 זיבעטע עוו.

131 סעקאנד עוו. (קאר. 8טע סט.) — (צווישען 135טע און 136טע סט.)

111 איסט 23טע סט. (נעבען 4טע עוו.) — 100 לענאקס עוועניו

בראנקס:

895 פראספעקט עוו — 262 איסט פארדאם ראוד

ברוקלין:

1709 פיטקין עוועניו.

DR BARNETT L. BECKER

OPTOMETRIST OPTICIAN

זאכען וואס איז גוט צו וויסען

איינינע פונקטען וועגען נאטור־ראליזיישאן פאפירען.

פיעלע נאטוראליזירטע בירגער האבען די געוואוינהייט צו שטעלען א פאטאגראפישע רעפראדוקציע פון זייערע נאטוראליזיישאן פייפערס צוזאמען מיט אן אפליקיישאן פאר אן אמעריקאנעם פאספארט. זיי גלויבען, קענטיג, אז דיזע רעפראדוקציע וועט באווייזען דעם סטייט־דעפארטמענט פון זייער אמעריקאנער בירגערשאפט. עס איז נויטיג צו וויסען, אז דיזע רעפראדוקציע איז אבסאלוט איבעריג און אז זי ניט נאר נוצט ניט צו דער אפליקיישאן פאר א פאספארט.

עס דארף דערפאר קלאר ווערען, אז די געוואוינהייט צו פאטאגראפירען פייפערס מיט דעם ציוועק צוזושטעלען א באווייז פון בירגערשאפט גיט א בענעפיט נאר צו די מענשען, וועלכע קריגען באצאהלט פאר פאטאגראפירען, און מאכט אן איבריגע הוצאה צו דעם אפליקאנט, וועלכער האט פון דעם קיין שום ניצען ניט.

עס איז ידא אן אנדער פונקט אין פארבינדונג מיט דיזע רעפראדוקציעס, וואס ניט נאר די אפליקאנטען פאר פאספארטען דארפען געדענקען, אבער וואס איז אויך זעהר וויכטיג פאר די יעניגע פערזאנען, וועלכע באשעפטיגען זיך מיט רעפראדוצירען דאקומענטען, און דאס איז דער קרימינאל־געזעץ בנוגע נאטוראליזיישאן, וואס באהאנדעלט די פראגע פון רעפראדוצירען נאטוראליזיישאן פייפערס. דיזער געזעץ ערקלערט, אז עס איז אומגעזעצליך פאר יעדען איינעם צו דרוקען, פאטאגראפירען אדער אויף וועלכען ניט איז אופן פאראורזאכען, אז עס זאל ווערען געדרוקט, פאטאגראפירט, געמאכט אדער דורכגעפירט אזעלכע ניט איז דרוק אדער אבדרוק אין דער עהנליכקייט פון א נאטוראליזיישאן סערטיפיקייט.

עס איז דערפאר קלאר, דאס יעדע פערזאן, וועלכער מאכט א קאפי פון א נאטוראליזיישאן צייגניס אין וועלכער ניט איז פארם, ווי אויך יעדע פערזאן, וואס פאראורזאכט, אז אזא קאפי זאל געמאכט ווערען, איז אונטערווארפען דער געפאר, דאס ער באגעהט א פארברעכען געגען דעם דערמאנטען געזעץ, און דערפאר זאל ער בעסער זיך צוריקהאלטען פון מאכען אזעלכע רעפראדוקציעס.

אין פארבינדונג מיט דער פריהערדיגער ערקלערונג דארף א קורצער סך־הכל פון געוויסע אנדערע פונקטען אין דעם נאטוראליזיישאן געזעץ אינטערעסירען יעדען איינעם.

אויב א פערזאן פעלשט א צייגניש פון בירגערשאפט מיט דער כונה צו געברויכען עס אליין אדער געבען אן אנדערען צום געברויך, קאן ער באשטראפט ווערען מיט צעהן טויזענד דאלאר פיין אדער פאראורטיילט ווערען צו צעהן יאהר געפענגניש — אדער ביידע צוזאמען.

ווען א פערזאן, מאכענדיג אן אפליקיישאן פאר בירגערשאפט פון די פאראייניגטע שטאטען, אדער ערשיינענדיג אלס אן עדות פאר אן אפליקאנט, וועט באוואוסטזיניג זיך אנגעבען פאר אן אנדער פערזאן, אדער ער וועט פאלש אויפטרעטען אין דעם נאמען פון א פארשטארבענעם, אדער אין אן אויסגעטראכטען נאמען, איז ער אונטערווארפען באשטראפט צו ווערען מיט 1000 דאלאר אדער געפענגניס אויף ניט מעהר פון פינף יאהר — אדער ביידע צוזאמען.

פון דעם געזאגטען איז קלאר, דאס נאטוראליזיישאן־צייגניסע ווערען זעהר שטרענג אפגעהיט פון דעם געזעץ און אז קיינער וועט ניט צווייפלען אין דער נויטיגקייט פון דעם שטראף־געזעץ פאר מיסברויכען נאטוראליזיישאן־פאפירען.

ליידיס טיילארס יוניאן לאקאל 38 פאנגט אן אן ענערגישען ארגאניזאציאנס קאמפיין

(שלוס פון זייט 1)

איהם גיט, און עס איז צו האפען, דאס זיי וועלען איהם געבען דעם פולען סופארט אין דעם איצטיגען ארגאניזאציאנס־קעמפיין.

דער אנפאנג פון דעם קאמפיין ווערט געמאכט קומענדען דאנערשטאג אווענד, מיט א מאס־מיטינג אין ברייענט האל, 725 6טע עוועניו, צווישען 41טע און 42טע סטריטס. דער מיטינג וועט זיך אנפאנגען אום 6 אוהר, גלייך נאך דער ארבייט.

די פאלגענדע רעדנער וועלען דעם מיטינג אדרעסירען: אב. בעראף, דער סעקר.־טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאנאל; י. פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן, און די אינטערנעשאנאל ארגאניזערס, ארטורא דזשיאוואניטי און דזש. גאלדשטיין.

זאלען די ליידיס טיילארס, די מיטגלידער פון דער יוניאן, זעהן, אז דער מאס־מיטינג זאל זיין גוט באזוכט. נעקסטע וואך וועט זיין אין דער „גערעכטיגקייט" א באריכט פון ברודער דרייזין, דער סעק.־מענעדזשער פון לאקאל 38, אין וועלכען ער וועט איבערגעבען וואס די יוניאן האט זיך אונטערגענומען צו טאן דער ארגאניזאציאנס־קעמפיין זאל געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

אונזער דעלעגאציע צו דער קאנווענשאן פון די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר

(שלוס פון זייט 1)

טאליענישען ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 89.

די וואך האט די דעלעגאציע אפגעהאלטען א מיטינג אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל, אויף וועלכען עס איז באשפראכען געווארען וועלכע נויטיגע רעזאלוציעס אונזער דעלעגאציע זאל פארשלאגען אויף דער קאנווענשאן. צווישען דיזע וויכטיגע רעזאלוציעס וועט זיין א רעזאלוציע וועגען אימיגריישאן, א רעזאלוציע וועגען אינדזשאנקשאנס, א רעזאלוציע וועגען די פאשיסטי־באוועגונג און נאך אנדערע וואס וועלען פארעפענטליכט ווערען שפעטער.

די קאנווענשאן וועט זיך עפענען דעם ערשטען אקטאבער, און מען רעכנט, אז די קאנווענשאן דעם יאהר וועט זיין איינע פון די וויכטיגסטע קאנווענשאנס וואס די פעדעריישאן האט געהאט זינט זי עקזיסטירט.

ליידיס טיילארס און אלטעריישאן שניידערס!

א גרויסער מאס־מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

דאנערשטאג, דעם 27טען סעפטעמבער, 1923

אום 6 אוהר אווענט

אין ברייענט האל, 725 זעקסטע עוועניו, ביי 42טע סטריט.

דעם מיטינג וועלען אדרעסירען די פאלגענדע פראמינענטע רעדנער: אב. בעראף, דער סעקרעטאר פון אונזער אינטערנעשאנאל; י. פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן, און די אינטערנעשאנאל ארגאנייזערס, ארטורא דזשיאוואניטי און דזש. גאלדשטיין.

ליידיס טיילארס, אויפמערקזאם!

מיר פאנגען איצט אן דורכפיהרען די פלענער צו ארגאניזירען דעם טרייד. יעדער מעמבער פון דער יוניאן דארף עס וויסען. קומט צו דעם מיטינג, וואו דאס וועט אלץ דערקלערט ווערען.

אין נאמען פון עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 38 א. ל. ג. וו. י.

ב. דרייזין, סעקרעטאר־ארגאנייזער.

פילאדעלפיער לעזער פון „גערעכטיגקייט"

דר. א. פינקעלשטיין

דענטיסט

געוועזענער מעמבער פון לאקאל 53

האט איצט זיין אפיס אין

2545 סויט.ה בראאד סטריט

א מאדערנער, וויסענשאפטליכער קאבינעט

ספעציעלע פרייזען פאר יוניאן־לייט

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

עקזאמינערס, באנראהדערס, בושלערס יוניאן

לאקאל 82

לויט דעם באשלוס פון ספעשעל מעמבער מיטינג פון דעם 30טען יולי, 1923, ווערט די דיוס פון אונזער לאקאל געריזט אויף 40 סענט א וואך.

יעדער מעמבער דארף א חוץ דעם אויך באצאהלען א טעקס פון 5 דאלער, אויסצוצאהלען אין פארלויף פון יאהר.

דיזער באשלוס געהט אריין אין קראפט דעם ערשטען אקטאבער, 1923. באצאהלט דערום אייערע שולדען באצייטענס, כדי איהר זאלט ניט דארפען צאהלען מעהר פאר יעדען ריקשטעהענדען סטעמפ. — שאפ טשערלייטע, מאכט אונזערע מעמבערס אויפמערקזאם אויף דיזען אנאנס.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 82

מ. גרייפער, פרעזידענט. מ. י. אשפיז, מענעדזשער.

דעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באלדיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהל אוו גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עסאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטאדען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטערריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציאן.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

15 WEST 37th STREET, NEW YORK

Phone: Fitz Roy 1674

א באגריסונג צום נייעם יאהר
צו די מעמבערס פון דער א. ל. ג. וו. יוניאן.

פאנגט אן דעם נייעם יאהר ריכטיג — לאזט עקזאמענירען אייערע ציין אין דעם דענטאל דעפארטמענט פון דעם יוניאן העלטה סענטער, 131 איסט 17טע סטריט.

דורך דער צייט פון די מאנאטען סעפטעמבער און אקטאבער, אין די שטונדען צווישען 10 פריה ביז 5 נאכמיטאג — אן עקזאמינאציאן פון די ציין, א ריכטיגע קלינינג, און א ציין בערשטעל מיט ציין־פייסט פאר 1 דאלער.

אפיס שטונדען:

טעגליך — — — — — — — — פון 10 פריה ביז 8 אווענט.
שבת — — — — — — — — פון 10 פריה ביז 5 אווענט.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
פון מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. V. No. 39. New York, Friday, Sept. 28, 1923. פרייטאג, 28טען סעפטעמבער, 1923. PRICE 3 CENTS

דער קלאוק און דרעס דזשאינט באארד עטאבלירט ארגאניזאציאנס-דעפארטמענט

נאך מיט איינינגע מאנאטען צוריק האט ברודער פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעס־מאכער יוניאן, רעקאמענירט צו דער קערפערשאפט, עס זאל עטאבלירט ווערען א באשטענדיגער ארגאניזאציאנס־דעפארטמענט, וואס זאל זיך אפגעבען מיט ארגאניזאציאנס־ארבייט אין ניו יארק; וואס זאל אויפפאסען, אז עס זאל זיך דא ניט אנפלאדיען קיין נאן־יוניאן שעפער. און אזא דעפארטמענט איז געווארען נאך א סך ניטיגער, זינט די דרעס־מאכער זיינען ארונטערגעקומען אונטער'ן רשות פון דעם דזשאינט באארד.

עס איז אן אפענע זאך; עס זיינען דא אין ניו יארק א סך דרעס־שעפער, וואס זיינען ניט ארגאניזירט און איצטער, ווען די דרעס־מאכער זיינען א טייל פון דעם דזשאינט באארד, קען עס אזוי ווייטער ניט בלייבען. עס איז דעריבער געווארען העכסט דרינגענד, עס זאל עטאבלירט ווערען א באשטענדיגער ארגאניזאציאנס ־ דעפארטמענט, וואס זאל זיך אפגעבען נאר מיט דער ארבייט אליין, און דאס איז געטאן געווארען.

אלס מענעדזשער פון דעם נייעם דעפארטמענט אין דזשאינט באארד איז אנגעשטעלט געווארען ברודער בערנארד שעהן, דער מענעדזשער פון לאקאל 1. ברודער שעהן האט רעזיגנירט פון זיין אמט אין לאקאל 1 און האט אנגענומען דעם אמט אין דזשאינט באארד. דער אמט איז זעהר א פאראנטווארטליכער, און ברודער שעהן האט זיך גלייך גענומען ענערגיש צו דער ארבייט.

דער ארגאניזאציאנס ־ דעפארטמענט וועט האבען א סטעף ארגאנייזערס, און עס וועלען געמאכט ווערען אלע אנשטרענגונגען צו ארגאניזירען די ניט־ארגאניזירטע דרעס־ און סקוירט־שעפער.

נאטירליך, דער ארגאניזאציאנס־דעפארטמענט וועט אויך האלטען אן אפען אויג אויף די קלאוקשאפּס, אויף וועלכע עס איז דא א חשד, אז זיי זיינען „קארפארעישאן" סקעב־נעסטען, וואס גראבען אונטער דעם קלאוק־טרייד.

מיט איין ווארט, דעם נייעם דעפארטמענט וועט געוויס ניט פעהלען קיין ארבייט. מען קען אויך האפען, דאס די מיטגלידער פון דער יוניאן, די דרעס־מאכער אזוי גוט ווי די קלאוקמאכער, וועלען העלפען דעם דעפארטמענט אין זיין שווערער ארבייט. זאלען די מיטגלידער לאזען וויסען אין אפיס פון דעם דעפארטמענט פון די אלע ניט־יוניאן שעפער וואס זיי וויסען. דאס וועט א סך מיטהעלפען אין דער ארבייט.

דער אפיס פון דעם דזשאינט באארד ארגאניזאציאנס ־ דעפארטמענט געפינט זיך אונטען, אויפ'ן גראונד פלאר פון דער נייער פראכטפולער בילדינג, וואס די קערפערשאפט האט ניט לאנג צוריק זיך איינגעשאפט, אלס א באשטענדיגע היים פאר אלע איהרע אפיסעס און דעפארטמענטס. די בילדינג געפינט זיך אויפ'ן קארנער פון דער 25טער סטריט און לעקסינגטאן עוועניו, ניו יארק.

ארגאניזאציאנס ארבייט אין דער וויסט מאכער יוניאן לאקאל 25

א וויכטיגער מעמבער מיטינג דאנערשטאג, אקטאבער 4טען.

מיט דער אויפלייזונג פון דעם דזשאינט באארד פון די וויסט און דרעס־מאכער, איז די וויסטמאכער יוניאן לאקאל 25 געבליבען אליין אין פעלד, און דער לאקאל האט איצטער גענומען זיך בעסער באפעסטיגען, זיך בעסער ארגאניזירען, נאטירליך, מיט דער הילף פון אונזער אינטערנעשאנאל. א ענערגישער ארגאניזאציאנס דרייוו וועט געמאכט ווערען צו ארגאניזירען אלע ניט ארגאניזירטע שעפער אין טרייד.

דער לאקאל האט לעצטענס ערוועלט נייע באאמטע אנצוגעהן מיט דער ארבייט. אלס סעקרעטערין פון דעם לאקאל איז ערוועהלט געווארען שוועסטער

(שלוס אויף זייט 6.)

„אינטערנעשאנאל לייבאר באנק" וועט זיך אין גיכען עפענען אויף 5טע עוועניו און 21טע סטריט

די באנק וועט האבען אלע אפטיילונגען פון די מאדערנע ביינקינג אינסטיטוציעס. — די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס קאנען זיך שוין סובסקרייבען פאר די שערס און סטאק.

אלע ארראנדזשמענטס ווערען שוין פארענדיגט צו עפענען אונזער „אינטערנעשאנאל לייבאר באנק". דער טשארטער פאר דער באנק איז שוין אויסגעמאכט און וועט געוויס די טעג אפרופט ווערען פון די סטייט אויטאריטיס וואס האבען וועגען דעם צו זאגען.

די „אינטערנעשאנאל לייבאר באנק" וועט זיך געפינען אויף דער 5טער עוו. און 21טער סטריט, אין סאמע צענטער וואו עס געפינען זיך אונזערע מיטגלידער. דער פלאץ פאר דעם באנק איז שוין גענומען געווארען און דער ארכיטעקטאר ארבייט שוין אויפ'ן פלאן ווי די בילדינג זאל איבערגעאנדערשט ווערען, אז דער פלאץ וואו די באנק וועט זיך געפינען זאל אויסזעהן וואס שעהנער און געשמאקפול.

15 פראצענט פון די סטאק שערס פון דער באנק וועט פארקויפט ווערען צו די מיטגלידער פון די אינטערנעשאנאל לאקאלס, און די יעניגע וואס ווילען קויפען די שערס קאנען שוין זיך סובסקרייבען אין די אלע אפיסעס פון אונזער יוניאן. ווער עס וועט פריהער קומען, די וועלען באקומען די שערס. עס איז זיכער, אז די שערס וועלען גאנץ שנעל אויסגעקויפט ווערען.

מען קאן נאך איצט באשטימט ניט זאגען ווען די באנק וועט זיך עפענען, אבער דאס וועט זיכער זיין נאר אין גיכען, אזוי שנעל ווי עס וועלען געמאכט ווערען די אלטערייש'אנס אויף דער בילדינג וואו די באנק וועט זיין. מער גענויערס וועגען דעם וועט מען קאנען באקאנט מאכען מיט א וואך אדער צוויי שפעטער. די באנק קאמיטע פון אונזער אינטערנעשאנאל טוט אלץ וואס זי קאן די באנק זאל זיך עפענען אזוי גיך ווי נור מעגליך.

שיקאגא דזשוינט באארד פאנגט אן א סיסטעמאטישע עדיוקיישאנאל טעטיקייט

קורסען וועלען עטאבלירט ווערען אין די פאבליק סקולס און עס וועט אויך געשאפען ווערען אן ארבייטער אוניווערזיטעט. — די באארד און עדיוקיישאן פון שטאדט און די אוניווערזיטעט באאמטע פון אילינאיז סטייט האבען צוגעזאגט מיטצוהעלפען.

די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל אין שיקאגא האבען שוין לאנג צוריק געטרוימט איינצופיהרען ביי זיך אין דער היים א סיסטעמאטישע עדיוקיישאנאל טעטיגקייט, ווי דאס ווערט שוין לאנג געטאן ביי אונז אין ניו יארק. איצטער האלט עס שוין דערביי, דער וואונש זאל מקוים ווערען, און די נייס וועט געוויס אויפגענומען ווערען מיט פרייד ניט בלויז פון די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס, דאס וועט אויפגענומען ווערען מיט פרייד פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג אין שיקאגא.

דער פלאן פאר דער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט איז אויסגעארבייט געווארען פון וויס־פרעזידענט מ. פערלשטיין, דער מענעדזשער פון אונזער וועסטערן ארגאניזאציאנס־דעפארטמענט. ער האט אויסגעארבייט א פולשטענדיגען פלאן, ווי דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט אין שיקאגא זאל ארבייטען און ער האט דעם פלאן לעצטענס פארגעבראכט אויף א מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער שיקאגא קלאוקמאכער יוניאן און דער פלאן איז אנגענומען געווארען. אויף דעם מיטינג איז באשלאסען געווארען צו ארגאניזירען א אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פאר'ן נוצען פון די מיטגלידער פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין שיקאגא.

עס וועלען ארגאניזירט ווערען פאר־

(שלוס אויף זייט 3.)

קאטערס יוניאן נעהמט אן דעם באשלוס פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין באצוג די „עדיוקיישאנאל ליגס"

דער באשלוס ווערט אנגענומען אויף א מערקווירדיג גרויסען מעמבער־מיטינג פון איבער 12 הונדערט מיטגלידער. — פון דער גאנצער מאסע מיטגלידער האבען בלויז עטלאכע געשטימט געגען. — וויס־פרעזידענט דוד דובינסקי באקומט א גרויסע אוואציע ווען ער ערקלערט ווארום דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אינטערנעשאנאל האט אנגענומען דעם באשלוס.

מאנטאג אווענד, דעם 24טען סעפטעמבער, האט אונזער קאטערס יוניאן לאקאל 10 געהאט א היסטארישען מעמבער־מיטינג. מען קען זאגען, דאס אזא מעמבער־מיטינג האט דער לאקאל נאך קיין מאל ניט געהאט אין א פרידליכער צייט. אזא מיטינג האט מען געקענט זעהן בלויז אין צייט פון א גענעראל־סטרייק. אויף דעם מעמבער־מיטינג זיינען אנוועזענד געוועזען איבער 12 הונדערט מיטגלידער! דער גרויסער ארלינגטאן האל איז איבערפילט געוועזען און הונדערטע מיטגלידער זיינען נאך געשטאנען אין די קארידארען, און אלע האבען מיט גרויס נעשפאנטקייט נאכגעפאלגט וואס אויף דעם מיטינג איז פארגעקומען.

עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם צושריפט פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין באצוג דעם, דאס קיין מיטגליד פון אונזער יוניאן טאר ניט אין דער זעלבער צייט אויך באלאנגען צום זאגענאנטען „טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג", וואס איז א באהאלטענע אפאזיציאנס־יוניאן געגען די אלע עקזיסטירענדע יוניאנס.

די זעלביגע פראגע איז שוין איין מאל אויפגענומען געווארען ביי דעם לאקאל. דאס איז געווען מיט א פיר וואכען צוריק. אבער יענער מיטינג איז אפגעבראכען געווארען פון עטליכע לינקע. אויף יענעם מיטינג זיינען אנוועזענד געווען א קליינע צאהל מיטגלידער, און די עטלאכע „לינקע" האבען דעם מיטינג געקאנט צושטערען. ווי דער שטייגער איז, זיי, די „לינקע" קאנען געוועלטיגען אין דער יוניאן נאר דעמאלט ווען די מ י ט ג ל י ד ע ר ש א פ ט איז דערביי ניטא! ווען די גרויסע צאל מיטגלידער קומען ניט, — ווערען זיי חוצפה'דיג און טוען אפ עפעס א מיאוסען אקט אין נאמען פון „דער יוניאן". דארט אבער וואו עס איז דא די גרויסע צאל מיטגלידער, דארטען וואו עס קומט זיך צונויף טאקע די אמת'ע, ריכטיגע יוניאן, דארטען כאפען זיי די אמת'ע מפלה!

דאס האט מען קלאר און דייטליך געזעהן אויף דעם לעצטען מערקווירדיגען גרויסען מעמבער־מיטינג פון לאקאל 10, מאנטאג ביינאכט. אויך אויף דעם מי־

(שלוס אויף זייט 3.)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 39

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. עקזאמינערס, באנאדערס און בושלערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז.

זייט 3 שלוסן און אדווערטייזמענטס.

זייט 4 א קורס אין עקאנאמיק אין דער ארבייטער באוועגונג — סילוויא קאפאלד. עדיוקיישאנאל נאטיצען. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — ל. לאנגער.

זייט 5. ערקלערונג פון דער קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן.

זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען. א שלוס פון זייט 1. אדווערטייזמענטס.

זייט 7. 1014 (א בילד) — מ. ציפקין. „זמאן סימכאסיינו" (פעליעטאן) — דזש. העלער.

זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.

זייט 9. די קאמוניסטן און די יוניאנס — ל. פינקעלשטיין.

זייט 10. אין טעאטער — דער קריטיקער. קורץ און שארף — י. ב. ג.

זייט 11. די לעצטע קאנסטיטוציאנעלע רעגירונג אין דייטשלאנד — לעאן כאזאנאוו. וואס טוט מען מיט געזונד? (פעליעטאן) — ז. ווייהלער.

זייט 12. קורצע שמועסן.

זייט 13, 14, 15 און 16 — אדווערטייזמענטס.

אינטערנעשאנאל באנייט דעם ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין פילאדעלפיא

(שלוס פון זייט 1.)

יוניאן רייט אין טרייד, ווי אזוי נאך צו באוועגען זיך אנצושליסען צו דער יוניאן.

ארגאניזאציאנס־ארבייט ביי די פריוואט דרעסמאכער.

גלייכצייטיג וועט אויך אנגעפירט ווערען אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין ביי די פריוואט דרעסמאכער. די ארבייטער פון דעם פאך זיינען גאנץ ווייניג ארגאניזירט. לאקאל 76, די יוניאן פון דעם פאך, איז ליידער, א שוואכער לאקאל, כאטש עס זיינען דא געגוג ארבייטער אין דעם טרייד צו אויפצושטעלען א שטארקע יוניאן. ווי עס ווערט אנגעגעבען זיינען אין דעם פאך באשעפטיגט איבער צוויי טויזענט ארבייטער.

די ארגאניזאציאנס־ארבייט וועט זיין אונטער די אויפזיכט פון אונזער וויס־פרעזידענט, הלל רייזבערג, דער מענעדזשער פון די וועיסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 15. ער וועט אבער האבען די מיט־הילף פון שוועסטער רוט גארדאן, פון באלטימאר, וועלכע איז ניט לאנג צוריק אנגעשטעלט געווארען אלס אינטערנעשאנאל ארגאנייזערין פאר פילאדעלפיע. די ארבייטס־באדינגונגען אין די „פריוואט דרעסמייקינג שעפער" זיינען זעהר צרה'דיגע און מען רעכענט אז די פארשקלאפטע ארבייטער וועלען זיך ווארים אפרופען, אריינצוקומען אין דער יוניאן.

יעדענפאלס, אלץ וואס איז נאר מעגליך וועט געטאן ווערען די יוניאן צו באקרעפטיגען.

ארגאניזאציאנס ארבייט ביי די לײדיס טײלארס.

אין דערזעלבער צייט האט זיך אנגעהויבען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין ביי די לײדיס טײלארס.

די לײדיס טײלארס פון פילאדעלפיא זיינען שוואך ארגאניזירט, און ווי דער שטייגער איז, איז אז אך און וועה צו זיי! מען ארבייט לאנגע שטונדען פאר א קלעגליכען־לוין און עס איז אונמעגליך א לעבען צו מאכען אפילו אין ביזי סיזאן ווען עס איז דא ארבייט. און פון די סלעק־צייט איז דאך שוין גאר אפגערעדט.

ניט לאנג צוריק איז ערשינען א קאמיטע פון די לײדיס טײלארס ביים מיטינג פון דזשאינט באארד פון די קלאוק און סקוירטמאכער יוניאן. די קאמיטע האט געשילדערט ווי שרעקליך עס ליידען די לײדיס טײלארס, אונטער וועלכע קלאגעדיגע באדינגונגען זיי ארבייטען, און די קאמיטע האט פארלאנגט דאס דער דזשאינט באארד זאל אונטערנעמען אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין צו ארגאניזירען די לײדיס טײלארס.

די פראגע איז אויפגענומען געווארען אויף דעם מיטינג פון דזשאינט באארד און עס איז באשלאסען געווארען, דאס עס זאל גלייך אנגעפאנגען ווערען א טיכטיגער ארגאניזאציאנס קאמפיין, צו העלפען די לײדיס טײלארס אין פילאדעלפיא ארגאניזירען דעם טרייד. און אז דער קלאוקמאכער דזשאינט באארד האט עס באשלאסען צו טאן, מעג מען שוין מיט זיכערקייט דערווארטען, דאס די לײדיס טײלארס פון פילאדעלפיא וועלען קירצליך זיין ארגאניזירט, און דאס זיי וועלען ארבייטען אונטער א סך בעסערע ארבייטס־באדינגונגען ווי זיי ארבייטען איצטער. זאלען אבער די לײדיס טײלארס גופא ניט שטעהן פון ווייטען. זאלען זיי אליין טאן אלץ וואס איז נאר מעגליך מיטצוהעלפען דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד אין דער ארגאניזאציאנס ארבייט, אום צו פארבעסערען די שלעכטע לאגע אין דעם פאך.

קלאוק מאנופעקטשורער פון מאנטרעאל ווילען אנשרעקען די ארבייטער

(שלוס פון זייט 1.)

צושליסען צו דער יוניאן, וועלען גלייך אפגעזאגט ווערן פון דער ארבייט, און אויך מאכען מיטלאזע ארבייטער ווירקט ״ס.

נאטירליך, וואלטען די ארבייטער באוועסען געגוג מוט, וואלטען זיי אלע מיט אמאל, גאנצע שעפער־וויזע, זיך אנגעשלאסען צו דער יוניאן, און זאל דער באס זיי אלעמען אפזאגען! דאס איז דאך, דאכט זיך אזוי איינפאך, אז יעדער ארבייטער זאל דאס פארשטיין, און דאך זיינען נאך דארטען דא אזעלכע ארבייטער, וואס פארשטעהען עס ניט און די יוניאן מוז נאך איינרופען מאס־מיטינגען פון קלאוק מאכער, זיי עס צו ערקלערען. און דיזע פארזאמלונגען האבען שוין געבראכט גוטע רעזולטאטען.

דאנערשטאג אווענט, דעם 13טען סעפטעמבער, האט דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין מאנטרעאל איינגערופען א מאס־מיטינג פון קלאוקמאכער, אין דעם גרויסען „פרינץ ארטור האל". דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט, א סך נייע מיטגלידער האבען זיך אנגעשלאסען צו דער יוניאן.

כדי צו מאכען וואס לייכטער זיך אנצושליסען, האט די יוניאן באשלאסען, אז דאס איינטריטס געלט זאל איצט זיין בלויז $2.50 פאר א מאן און איין דאלאר פאר א פרוי. די טירען פון דער יוניאן זיינען, אלזא, ברייט אפען פאר אלע קלאוקמאכער פון מאנטרעאל אריינצוקומען, און א סך פון זיי באנוצען זיך מיט דער געלעגענהייט.

דער מאס־מיטינג איז אדרעסירט געווארען פון די פאלגענדע רעדנער: א. דעסמאנד, דזש. מעטיוער, ס. גאלדבערג און י. שובערט, דער סעקרעטער פון דער יוניאן.

לויט ווי עס ווייזען פיעלע סמנים, וועט די אנגעשטרענגטע ארבייט פון דער יוניאן, די קלאוקמאכער ווי געהעריג צו ארגאניזירען, ברענגען גוטע רעזולטאטען, און די קלאוקמאכער פון מאנטרעאל וועלען אין גיכען זיין גוט ארגאניזירט, אום צו קאנען זיך פארבעסערען די לאגע. ווי עס שיינט, וועט עס ניט לאנג נעמען, און דארט וועט ווידער זיין א שטארקע קלאוק און סקוירט מאכער יוניאן, מיט וועלכער די באלעבאטים פון דעם פאך וועלען זיך מוזען רעכענען.

ברודער יוסף שובערט, דער סעקרעטער פון דער יוניאן, איז די וואך געוועזען איינינגע טעג אין ניו יארק און ער האט זיך בעראטען מיט פרעזידענט זיגמאן און סעקרעטער באראף, וועגען די ווייטערע אנפירונג פון דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין.

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

אכט טויזענד לײדיס טײלארס, וועלכע זיינען מערסטענס באשעפטיגט אין מאכען דרעסעס און קאסטיומען, געהען ארויס אין א גענעראל סטרייק. זייערע פאדערונגען זיינען: אן אכט־שטונדיגער ארבייטס־טאג, א מינימום סקייל אין ווייזשעס פון 26 דאלאר א וואך. 18 דאלאר א וואך פאר מענער ארויסהעלפער, 6 דאלאר א וואך פאר פרויען ארויסהעלפער און די אפשאפונג פון די שעפער, וועלכע געפינען זיך אין די קעלערס.

* * *

די לאגע אין קליוולאנדער סטרייק איז די זעלבע. פינף־און־צוואנציג פראצענט פון די סטרייקער שטימען דאפיר אז דער סטרייק זאל פארטגעזעצט ווערען.

* * *

די בעלי הבתים פון די ברוקלינער קלאוק סטארס מאכען א לאקאוט אויף זייערע בעלי מלאכות. נאך א צוויי טעג סטרייקען גיבען זיך אבער די בעל הבתים אונטער און שטימען צו צו די פאדערונגען פון דער יוניאן ניט צו ארבייטען שבת נאך איינס אוהר. יעדער גרעסערער סטאר קיפער זאל מוזען האלטען צוויי אלטערײישען ארבייטער און איין פיירעל סטעדי, בעצאלט דאבל טיים פאר אווערטיים און פאר ליגעל האלידייס זאלען די ארבייטער אויך קריגען בעצאהלט.